STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07389

PINYE

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיביץ

פון

ז. ווייבפּער

●

פאַרלאַג „אויפקום", ניו־יאָרק, 1939

Copyright, 1939,
by Z. WEINPER
NEW YORK, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

זיטאַן
מיט
ליבשאַפט
און
דאַנק

צו פיניען

פאַרגיב אַ פיניע, מיין פיניע,
וואָס מיינע טריט האָבן אין דער ליניע
נישט געטראָטן.

דער וועג איז געווען פאַרשאָטן
מיט קויט און מיט מיסט.
און אויך איצט, — אַז ווינד און וויסט
איז צו מיר,
און צו דיר, —
דעם צווילינג!

אָט איז שוין פרילינג
ניינצן־ניין־און־דרייסיק,
און די לופט איז בייסיק,
און פרעסיק,
ווי עסיק
אויף די לייבער פון אונדזערע שוועסטער און ברידער.

מיר זיינען שוין ווידער
דורך אונדזערע טעג
אויפן וועג.
און אונדזערע נעכט?
יעדע שעה אין געפעכט
פאַר זיין אָט דאָס, וואָס מיר זיינען.
עס ברענען
די וועגן אונטער די טריט פון אַזעלכע, ווי דו און ווי איך.

סיידן זיך טרייסטן, וואָס די וואַנדער־שיך
זיינען היינט נישט נאָר בלויז אויף יידישע פיס, —
עס געוואוינען זיך שוין צו, ווי סע נישט איז
אויך קינדער פון אַנדערע שטאַמען צו זיי.

אַז ווינד און אַז ווי, —
אפילו דעם נזירס געביין
אויף דעם איינזאַמען שטיין
האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

אַזוי פיל לעבנס אונדזערע אין קאַן!
און די קאָרטן ווערן געטאַשט פון גנבישע פינגער.
שווער איצט צו זיין אַ פריידיקער זינגער.

נאָר גאָרנישט. אַז נישטאָ איז קיין היים און קיין דאַך,
שטעלט מען אויף ביידלעך געדעקטע מיט סכך.
און אַז נישטאָ איז קיין ברויט, קיין חלה, קיין טאָרט,
קייט מען די האָר פון דער פאַרוואַקסענער באָרד,
און מען בענטשט איבער איר אַ מזומן.

דער ליכטיקער טאָג וועט נאָך קומען!
מיר פילן דאָך אים אין די גלידער,
מיר זינגען פון אים אין די לידער,
און צו אים זיינען אונדזערע טריט געצילטע.

און זיינען אונדזערע וועגן פאַרהילטע
אין פלאַם און אין רויך,
איז אָבער אונדזער כוח
איצט אַ צעוואַכטער.

דער נעכטיקער טרוימער און טראַכטער
איז היינט אויך אַ טוער, —
מיר וועלן נאָך דערלעבן
זינגען הללויה
צום לעבן.

ווי אַזוי פּנחס איז געוואָרן פּיניע

דער טאַטע האָט אים גערופן: פּנחס, די מאַמע: פּיניע,
און ביי די קינדער אין חדר האָט ער געהייסן: דיניע,
אָדער גאָר פּאָוועטיניע.

מילא, פּנחס ביים טאַטן און ביי דער מאַמען: פּיניע, —
אָבער ביי די קינדער: דיניע
און פּאָוועטיניע, —
פאַרוואָס?

פרעגט ביי דעם גראָז
הלמאי עס גרינט?
פרעגט ביי דעם ווינט
הלמאי ער בלאָזט?
פרעגט ביי דעם פראָסט
הלמאי ער פרירט די נאָז?
אַ קשיא פאַרוואָס!
אויף קינדער פרעגט מען נישט קיין קשיות!
אָט האָבן זיי אויף בערל מנשהס
געמאַכט אַזעלכע גראַמען,
וואָס האָבן געהאַט אַלערליי טעמים.

„בערל,
קאַפּערל,
צעקנאַק מיר אַ קערל
פון אַן עפּעלע, —
אַ צרה דיר אין קעפּעלע!"

און אויף איציק סאָסיעס?
און מעכל דוואָסיעס?

„איציק,
שפּיציק,
זיי נישט היציק,

װי אַ לאָשעק!
נעם אַ פֿראָשעק
פֿון אַ לעפּעלע,
און װאָש דאָס נעזל אױס אין שעפּעלע".

„מעכל,
בלעכל,
צי דײַן שכל
אינעם לעכל
פֿון אַ נאָדל
פֿאַר דער באָבע האָדל
אױף שבת הגדול".

אָט אַזױ אַ זײַנען יאָטלעך!
גרױסע כװאָטלעך
צו גראָמען פֿאַטער
מיט אַ טאָטער
און אַ קאָטער
און זײ דרײען מיט אַ פּיפּערנאָטער.

אָבער פּנחס?
סײדן שמינכאָס!
איז עס דאָך נישט דאָסיק.
פּיניען איז געװען פֿאַרדראָסיק
דער נאָמען פֿון דער מאָמען,
װײל פּנחסן װאָלט שװער געװען דאָך צו באַגראָמען.

פֿונדעסטװעגן האָט פּיניע דאָס האַרץ דערפֿון זיך נישט געגעסן.
אײדער אײגן האַרץ איז בעסער עסן
פֿון גלחס אַ בױם
אַן עפּל, אַ באַר, אַ פֿלױם,
אַ װײַנשל, אַ קאַרש,
און דערנאָכדעם אין פּיפּיקן מאַרש
הינטערן שטעטל צום טײַך, —
זומער איז דאָרטן געװען זײַן קיניגרײַך.

אויך איצט, אַז ער ליגט אַמאָל אין קאָניאיילאַנד ביים ברעג,
וואַקסט נישט איינמאָל אויס פאַר זיינע אויגן דער וועג,
וואָס האָט אים צום טייך אין זיין שטעטל געפירט.
יענע ערד איז געווען, ווי דאָס ברויט מיטן פוטער באַשמירט,
וואָס די מאַמע פלעגט אים מיטגעבן אין חדר אַריין,
און די זון איז געווען, ווי דער ראָזשענקע־ווייַן
אין זיין טאַטנס שבתדיקער קאַרעפינקע,
די ווינטלעך, — שטיפערישע און פלינקע
האָבן זיך געקוליעט איבערן גראָז פון דער לאָנקע
און פון ווייטנס האָט זיך קאָלירט אַ ציצענע קימאָנקע,—
דאָס האָט מאַרוסיע דאָרט געטריבן אירע גענדז מיט אַ ריטל
און אים איז דעמלט שווער געווען אויפן קעפל דאָס היטל,
ווייל מאַרוסיעס פיס זיינען געווען ברוינע און די גענדז ווייסע.

אַמאָל און אַמאָל געווען איז אַ מעשה, —
אַ מעשה פון אַ טרוים,
וואָס איז געווען, ווי אַ בוים,
אַזוי וואָר.

מאַרוסיע האָט געהאַט פלאַקסענע האָר,
אַ רויט פאַטשיילקעלע אויפן קעפל,
און בריסטלעך, ווי עפל,
און דאָ אויפן קאָניאיילאַנדער ברעג,
ליגן ניויאָרקישע ווייבער, ווי זעק
אויסגעזעצטע פון רעגן.
דער ים זיי אַנטקעגן
איז בייז נישט אומזיסט, —
נישט געגנוג איז דאָס מיסט,
וואָס ניו־יאָרק שטאָפּט אין זיינע געדערים,
פויזען נאָך דאָ די מענטשן, ווי ווערים
אויף זיינע זאַמדיקע ברעגן.

פיניען קומט זיין יינגלשאַפט אַנטקעגן, —
ער איז אַ געוויקסיקער, אַ ברייטער,

און ער קוקט שטענדיק אַ דערפרייטער
אויף יעדן ווינטל־בלאָז,
וואָס צעוויגט זיך איבערן גראָז
אין די זומערדיקע טעג.
אַ ליבער גאַסט פון ווייטן וועג
איז אים געווען יעדע מינוט.
ווי גרינג און ווי גוט
איז אים דעמלט געווען צו קוקן, ווי אַ פויגל פליט אין דער הויך,
און דערביי צו פילן אין זיך דעם אייגענעם כח,
אַזוי אָ צו פליען,
אַזוי אָ צו ציען
אין די ווייטקייטן אַריין.
מיט אַזאַ גילדענעם שיין
האָט דעמאָלט געשמייכלט די זון,
און
ער אַליין האָט געשמייכלט אפילו צום רבינס רימען.
דער רבי זיינער, דער יאַדישלעווער שמעון,
פלעגט זיך טאָקע נישט איינמאָל באַקלאָגן:
— וואָס קומט אַרויס דאָס שלאָגן,
אַז דער יונג איז אייזן!

די גרעסטע קונצן באַוויזן, —
ווער האָט אין שטעטל געקאָנט, אויב נישט ער,
שפּאַנען, ווי אַ בער,
און מרוקען דערביי אַזוי דרייזעריק און שווער,
מיאַקען, ווי אַ קאַץ,
אָדער גאָר מיט אַ שטיינדל אַ באַץ
אין עמיצנס אַ שויב,
און דערביי זיך צעוואָרקען, ווי אַן אומשולדיקע טויב.
זשומען, ווי אַ פליג,
מעקען, ווי אַ ציג,
אָדער זיך צעמרוקען, ווי סטעפּאַנטשיקס בוהאַי,
הלמאי
מען לאָזט אים נישט צו

צו דער געלבלעכער קו,
וואָס אין שטאַל.
זיך טאָן אַ הויב און אַ פאַל
מיט אַ שפרונג, ווי אַ באָק,
נאָכמאַכן דאָס קלינגען פונעם קלויסטער־גלאָק
ביי אַ פויערשע לוויה,
אָדער אַן האַוואַיע
פון פנחס דעם גבאי, וואָס האָט שטענדיק מיט די פינגער געגלעט
די באָרד און די פאות און דערביי גערעדט
מיט אַזאַ תקיפות,
ווי ער וואָלט געווען אַן איספראַווניק מיט גילדענע שליפעס,
וואָס איז נאָר וואָס געקומען אין שטעטל פון דער פרעמד.
היינט, ווי די רביצין פאַרלאַטעוועט דעם רבינס אַ העמד,
און שעלט דערביי מיט טויטע קללות דעם רבין?
אַז עס פלעגט טרעפן, אַז זיין טאַטע פלעגט אים געבן
אַ שאַרפן פסק דערפאַר,
האָט ער אויך קיין גרויס צער
נישט געהאַט דערפון דעמלט.

אויך איצט טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס צעפלעמלט
זיך פאַר אים דעם טאַטנס בליק, —
נעכטן איז ער שעהנווייז געשטאַנען אויף אַ בריק,
וואָס בינדט ברוקלין מיט ניו־יאָרק צונויף.
אַרום אים אין ראשיקן געלויף
די אויטאָס און די באַנען,
און ער איז זיך אַזוי געשטאַנען
און שטום געקוקט אויף שטיין און שטאָל.
פלוצלונג הערט ער טאַטנס קול:
— פוסטאַונפאַסניק, וואָס דו ביסט!
פטרסט שעהן אויף אַ בריק אומזיסט
אין מיטן טאָג, — צו וואָס, צו ווען?
משטיינס געזאָגט, וואָס ער האָט דאָ דערזען!
הויז פון הויז איז דהעכער,
פלאַכע דעכער,

קוקן אויס, ווי טרעפּ,
נאָר זיי אַ בריה און דערשלעפּ
זיך איבער זיי צו גאָט!
ברײטע טרעפּ, נאָר קליין דער טראָט,
איז וואָס זשע קומט אַרויס?

— טאָטע, זע, ווי גרויס
עס איז די שטאָט ניויאָרק!

— נו יאָ, אָבער וויפיל זאָרג
איז דאָ אין אָט דער שטאָט?

און וואו וואוינט דאָ גאָט?
הערט מען דאָ זיין וואָרט?

— טאָטע, זע, אָט דאָרט, —
סאָראָ ריזנבריק!

— גיט זי מענטשן גליק?
זײנען דאָ די מענטשן זאַטע —
פרעגט ביי אים דער טאָטע,
און קוקט דערביי מיט אַ צעפלאָמטן בליק.

און אַז פּיניע קוקט אַמאָל צוריק
דורך זיין זכרון
אויף זיינע קינדערישע יאָרן
אינעם שטעטל פון וואָלין,
דערפילט ער ווי אַ בין
וואָלט אים געטאָן אַ ביס.

נאָכאַלעמען, וואָס איז
געווען זיין קינדיש לעבן?
שוועלבעלעך אין לופטן שוועבן,
וואוהין זיי ווילן,

פיניע

פליגל אויף די מילן
דרייען זיך און דרייען,
ווינטלעך ווייען
און וויגן אויף דער לאָנקע
מאַרוסיעס ציצענע קימאָנקע,
גרעזעלעך, ווי פרענדזעלעך
אַרום ווייסע געגדזעלעך,
וואָס פּאַשען זיך אונטער מאַרוסיעס אויג,
דאָ און דאָרט אַ סטויג
פון שמעקנדיקע קאָנעשינע,
און ער, פּיניע,
מוז יעדן טאָג כסדר
גיין אין חדר.

דער טאָג איז הייס,
דער רבי בייז,
צופּט די באָרד, די קאָרשמעוואָטע,
וואָס קוקט אויס, ווי גרויע וואָטע.
אָט הויבט ער אויף אויף אים די ברעמען
און עס נעמען
זיינע דאַרע הענט זיך אין דער הויך צעוויגן,
און מיט אַ הוסטנדיקן ניגון
פרייכט ער,
קייכט ער:
— שור שנגח את הפרה,
קוק אַריין אין דער גמרא,
ממזר בן הנדהניק!

איצט, אַז פּיניע קוקט צוריק
אויף זיינע קינדערישע יאָרן,
גליט אויף אין אים אַ צאָרן,
ווי עפּעס וואָלט געטאָן אים אַזאַ ביס,
כאָטש אויף ווענען אָט דער צאָרן איז
ווייסט ער נאָך נישט אויף געוויס.

דאָס לעבן זיינס, וואָס האָט געטאָן זיך אַזאַ ריס,
און מיטגעשלעפּט די וואָרצלען זיינע פון דער ערד,
ווערט איצט געגערט
פון וואָס?
אויפן גרינעם גראָז
פון זיינע יונגע יאָרן
איז אַ שטורעמווינט געוואָרן,
און ער אַ גרעזל צווישן שטורעמדיקע ווינטן.

פאַראויס דער שטורעם און פון הינטן
זיינע קינדערישע טריט.
אַזוי אַ פּילאָט אַ מענטש דעם גליד,
וואָס לאַנצעט האָט לאַנג פון אים שוין אָפּגעשניטן.
עס טרעפט, אין דעם ניויאָרקישן געטומל, דעם צעגליטן,
ווערט ער אַוועקגעטראָגן, ווי אויף אַ וואָלקנדל געריטן
צו דעם, וואָס איז פאַר אים שוין אַזוי ווייט,
ווי אַ מעשה פון פאַרצייט.

ערשט נעכטן האָט זיך אים אָט דאָס געטראָפן,
געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער איז געשלאָפן
מיט אויגן אָפענע,
אָבער טעג שוין לאַנג אַנטלאָפענע
זיינען געקומען צוריק, ווי געסט פון אַ ווייטן לאַנד.
און ווען ער האָט שפּעטער אין זיין האַנט
די פען גענומען
איז אָט וואָס אונטער איר אַרויסגעקומען:

„וואָס פינטל איך איצט אויפן ווייס פּאַפּיר?
מיין פעלד, אַ זומערדיקס, אַ צייטיקס,
און אויף די זאַנגען אַ ווינטעלע, אַ צפונזייטיקס
מאָנט דעם סערפּ פאַר שניט ביי מיר.

עס גייען אין זכרון אויף קינדערישע פרייטיקס,
דער פלאַם אין אויוון איז פון גילדענעם קאָליר, —

די מאַמע באַקט אַ ווייצנפּלעצל אויס פֿאַר מיר, —
אַ לעבן מיינס! פֿאַרגאַנגענס און פֿאַרצייטיקס!

דער פֿעטער נחום מיט אַ פּנים שוימענדיק, ווי ביר,
גייט פֿון מרחץ מיט אַ שמייכעלע, אַ פּיל באַדייטיקס, —
נעכטן מיט דער מומען זיך געקריגט און היינט וועט
שלום זיין מיט איר.

וואָס פּינטל איך עס איצט אויפֿן ווייס פּאַפּיר,
מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס לעבן מיין פֿאַרצייטיקס
שווימט נישט אום אין בלוט ביי מיר!"

אָט אַזוי האָט ער געשריבן, נישט מער
פֿון אַ פּאָר שעה נאָכדעם, ווי ער
האָט איבער רווישיקן בראָדוויי געשפּאַנט.
ווי לאַנג איז ער שוין דאָ אין לאַנד?
געקומען יונג און בלאָנד,
ווי אַ פּרילינג־פּרימאַרגנדיקער האַריזאָנט,
און איצט איז דאָך שוין גרוי אין זיינע האָר,
נאָר נאָכמיטיק טראָגט פֿון דעם קאַיאָר
נאָך אַלץ דאָס בלענדנדיקע ליכט.
דאָס לעבן זיינס איז, ווי אַ שווער געוויכט,
נאָר אַז עס טרעפֿט,
ער ווערט געפּלעפֿט
פֿון עפּעס, וואָס איז העל צעגליט,
ווערט זינגעוודיק אין אים באַלד דאָס געמיט,
און טאַנצנדיקע ווערן זיינע טריט,
און אַזאַ ליכטיק וואָרט גייט אויף ביי אים פֿון ליד.

בראָדוויי, —
פֿעלקער אין געדריי
אַהין און הער,
און קיינער ווייסט נישט ווער איז ווער.
פֿאָלק מיט פֿאָלק איז אויסגעמישט,

היט און רעק פון זעלבן שניט האָבן אָפּגעווישט
די צייכנס פון די שטאַמען.
אפילו אויך די צאַמען,
וואָס טיילן קלאַסן אומעטום פאַנאַנדער
זיינען דאָ נישטאָ. אין זעלבן וואַנדער
סיי הערשער און באַהערשטער,
סיי אָפּגעפּוצטער און סיי בערשטער.
און זעסטו איינעם זיך דרייען אויפן קאַרק,
און אַ צווייטן מיט אַ פּנים פול מיט זאָרג,
ווייסטו אַלץ נישט ווער איז ווער.
עס איז, ווי די זעלבע שער
וואָלט זיי אַלעמען אָרומגעשוירן,
ווי די זעלבע הייוון וואָלט זיי אַלעמען געיוירן,
און אין האַנט וואָלט זיי פאַרקנאָטן, —
זיי זיינען אַלע דאָ איינס אַן אַנדערן געראָטן
אין אָוונטיק־געדריי.

בראָדוויי, —
ער טראָגט זי לאַנג שוין דאָך אין זיך.
נישט איין פאָר שיך
האָט ער שוין איבער אירע טראָטואַרן אויסגעטראָטן,
נאָר, ווי דאָס ווייב פון לוט'ן,
דרייט דאָס פּנים אויס ביי אים זיך אויף צוריק.
דאָס לעבן זיינס, ווי אַ גייער אויף אַ שטריק,
צאַפּלט אום זיך צווישן דאָ און דאָרט.
דאָ האָט זיך זיין יידיש וואָרט
געשטאָלט צווישן האַמער־קלעפּ פון מוסקוליאָרנע הענט,
און דאָרטן האָט עס אויפגעבלענדט,
און זיך צעיערט.
נאָר איז נישט אומעטום די זעלבע ערד?
איז בראָדוויי אַליין דען נישט געווען אַמאָל
נישט מער, ווי דאָ אַ באַרג און דאָרט אַ טאָל?
נישט מער, ווי גראָז אוןביימער אומעטום?
איצט שטייען אינדיאַנער הילצערנע קאַלט און שטום

דאָ און דאָרטן אויף אַ ראָג,
אָבער יאָרן פריער אין אַ גרוילעכן פאַרטאָג,
האָבן דאָ אַזעלעכע נאָך פייגל זיך געיאָגט.
איצט זעט מען, ווי מאַנהעטן טראָגט
אויף זיך אַזעלעכע געבײַדעס, ווי די קרייזלער און עמפייער,
אָבער געווען אַ צייט, ווען דאָרטן איז אַ שייער
פון אַ האָלענדער געשטאַנען.
איצט אויבערבאַנען,
אונטערבאַנען
און אין די הויכן עראָפּלאַנען
פון מענטשנס הענט געפירטע.
אויף גאַסן אַספאַלטירטע
אויטאָס און טראָמווייען
יאָגן זיך און שרייען
אויס געפאַרן,
און מענטשן איבער טראָטואַרן,
ווי גרויפּן אונטער לעפלדיק געמיש
אין שטענדיקער אײַלעניש, —
פון וואַנען און וואוהין
אַהין! אַהין!
נאָך וואָס?
ציגן דאַרפן גראָז,
און מענטשן דאַרפן ברויט מיט זאַלץ
און לעבערלעך מיט שמאַלץ, —
יאָגן זיי זיך,
טראָגן זיי זיך
אין געדרענגעניש,
און שלינגען איינע די צווייטע, ווי אין ים, די פיש.
נאָר איז דען נישט אַ צייט געווען,
ווען מען האָט דאָ בלויז געזען
שוואַר־טרעטנדיקע פערד,
און דהינטער זיי אַקעראײַזנס, שנײַדנדיק די ערד?

נו יאָ, עס גלויבט זיך קוים, —
דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון טרוים,
און איז אַוועקגעריטן צו דער וואָר.

ניו־יאָרק איז איצט אַ יונג מיט קוטשעראַווע האָר,
וואָס שפּאַנט דעם קאָפּ פּאַרריסן צו דער הויך...
עס שלאָגט מיט כח,
מיט זודיק בלוט
און מוט
פון זײַן יעדן טראָט.
נישט מער, עס זײַנען די געבאָט
נאָך נישט פון קאָלעקטיוו,
אָבער דער באַגריף
טראָגט זיך שוין פון גאַס צו גאַס.
ער טראָגט זיך איבער לעדער־פּאַס
פון שאַפּ און פון פאַבריק,
און איבער יעדן בריק,
וואָס איז פאַרוואָרפן איבער טײַכן ברייטע,
ווי ריזן־הענט צעשפּרייטע,
ליגן דאָ די עוועניוס, די סקווערן און די גאַסן,
האָלטנדיק אויף זיך די זין און טעכטער פון ראַסן,
און פון קלאַסן.

די מענטשן זײַנען אַלץ נאָך דאָ צעטיילטע, —
די „אויסדערוויילטע“,
ווי עס רופן זיי רבנים און גלחים,
לעבן, ווי מלאָכים
געזאַלבטע
פון פאָלק, וואָס לאָזט זיך מעלקן, ווי אַ קו געקאַלבטע.
און דאָס פאָלק? —
איינער זוכט אַ טאָלק,
וויל אַ חשבון וויסן,
און ווערט דערפאַר געשמיסן,
נאָר מערסטע גייען אינעם שפּאַן,

און נעמען, וואָס עס איז פֿאַראַן
פֿאַר זייערטוועגן,
נישט רעדנדיק אַנטקעגן.

אָבער, אַז פּיניע נעמט זיך דערמאָנען
אָן דער וואַנט, וואָס איז געשטאַנען
צווישן זיין טאַטן און זיין שכן איוואַן,
קומען אים אויפֿן זין: דער נעגער דזשאָן,
און דער אירלענדער מאַיק,
וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים אין אַ סטרייק
איינמאָל צעשלאָגן געוואָרן.
ווי אַ שווערער, טונקעלער פֿלעק, גייט אויף אין זיין זכּרון
יענע וואַנט צווישן זיין טאַטן און זיין שכן איוואַן, —
נישט מער, ווי אַ שפּאַן
פֿון גאָרטן צו גאָרטן
און סיי דאָ און סיי דאָרטן
האָט געזוניקט, געדעגנט,
אָבער, ווי אַזוי האָבן זיך שכנים באַגעגנט?
פֿאַר איוואַנען געווען איז זיין טאַטע,
ווי אויף אַ מלבוש אַ לאַטע
פֿון עפּעס אַ ווייטן און פֿרעמדן געוואַנט,
און איוואַן פֿאַרן טאַטן, — די שטראָפֿנדיקע האַנט
פֿון גאָט פֿאַר זינד פֿון אַמאָליקע צייטן.

סאַלוט צו דעם שטורעם, וואָס איז געקומען צורייטן
און די וואַנט אומגעוואָרפֿן צו דרערד.
קינדווייז האָט ער געזען אַ העלד אויף אַ פֿערד
מיט זילבערנע שפּאָרן און אַ געצוויגענער שווערד,
וואָס האָט, ווי דער ווינט זיך געטראָגן,
און זיך העלדיש געשלאָגן, —
פֿאַר וואָס און פֿאַר וועמען?
נישט געהערט, נישט געזען!
דאָס איז געווען אין אַ מעשה־ביכל,

אָבער, ווען ער לײענט איצט אין דער שוועסטערס בריוו
וועגן דעם טיכל,
מיט די זײדענע קווײטן, וואָס ער דהאָט דער מאַמען געשיקט,
באַנעמט ער, אַז פיל שענערע קווײטן ווערן איצט געשטיקט
אינעם שטעטל מיט וועלעכן ער האָט אַמאָל זיך צעזעגנט.
— נעכטן אָוונט האָבן מיר מיט אַ קאַפּעליע באַגעגנט
די חברים אוקראַינער פון דעם שכנישן קאָלעקטיוו, —
שרײבט אים זײן שוועסטער אין אַ בריוו,
און דערבײ דערצײלט זי מיט פרײד אין יעדן וואָרט,
וואָס דאָרט
האָט זיך אָפּגעטאָן.
— די מאַמע האָט לכבוד די געסט זיך אָנגעטאָן
אינעם זײדענעם טיכל.

נײן, דאָס איז דיר נישט קײן מעשה־ביכל,
נאָר לעבן געענדערטס און שענער איז דאָס.
זײן טאַטע העלפט שנײדן אויף לאָנקע דאָס גראָז!
זײן מאַמע איז נישט מער אינעם קרעמל, —
פאַר אַ צווײער אַ שפּונקע, פאַר אַ דרײער אַ קעמל.

אַ לעבן באַפרײטס!
אַ לעבן באַנײטס!
זײן טאַטע אין פעלד!
דאָס איז ער דאָך דער העלד,
וואָס רײט איצט אויף אַ פערד
אויפצוקלײבן די געוויקסן פון דרערד.
ער, און נאָך אַזעלכע, צוזאַמען!
עך, וואָלט ער אַ בעלן געווען צו זעען די מאַמען
אין דעם קווײטיקן טיכל בײ דער באַן,
ווען די חברים אוקראַינער זײנען געקומען פון צימיאַן
אין חברישן גוטן געמיט
צו באַוואונדערן דעם ידישן שניט.

נישט מער שוין רב אליהו הײסט איצט זײן טאַטע,

ער איז מער נישט קיין לאַטע
פון פרעמדן געוואַנט.
איוואַן און זיין טאַטע ביינאַנד
אויף דעם אייגענעם לאַנד,
אויף דעם אייגענעם פעלד,
אוןביידע באַזעלט
מיטן זעלבן ביטחון.

אַ שכן מיט אַ שכן,
זאָגט מען זיך פריינטלעך: גוטמאָרגן.
— נישטאָ וואָס צו זאָרגן, —
זאָגט זיין טאַטע איוואַנען,
און איוואַן העלפט אים שפּאַנען
די פערד אינעם וואָגן, און ווייזט אַן דערביי,
ווי גילדיק און פריי
עס וויגט אויפן פעלד זיך דאָס קאָרן!
— זיך געביטן די יאָרן,
האַ, חבר עליע!

כאַ! כאַ! חבר עליע!
— עליע,
קאַפּעליע,
אין דער לאַנגער דעליע!
אַז מען קוקט אויף דער סטעליע,
פאַרלירט מען דעם קאָן! —
אַט אַזוי וואָלט ער זיך געטאָן
אַ רייץ מיטן טאַטן אַצינד,
און ווי אַ קינד
וואָלט דער טאַטע זיך געטאָן אַ צעלאָז
איבער געשניטענעם גראָז,
און געשריגן חבריש,
לאַווריש:
— העי פּיניע,
דיניע,
פּאָוועטיניע!

קלײנערהײט,
האָט ער זיך געפרײט,
וואָס בײם טאַטן הײסט ער: „פּנחס" נישט „פּיניע".
עס איז געווען, ווי מיטן נאָמען „פּנחס" וואָלט אַ ליניע
דער טאַטע אים געגעבן
פאַרן לעבן.
— אַ קלײניקײט עפּעס רב פּנחס דער גבאי!
אַזויפיל עולם-הבא
וויפיל ער וועט האָבן פאַר זײַנע מעשׂים טובים,
וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן אַלע קבצנים אין שול בײ דעם אויוון!
אַזוי האָט דער מגיד פון שטעטל געזאָגט אין אַ דרשה.
אויף דער וועלט איז רב פּנחס'ן אויך גאַנץ נישקשה.
ווער קריגט אין שול דעם ששי, דעם מפטיר?
און בײ וועמען אין שטאָל אַזויפיל האָלץ קלאָפּטער?
הײַנט טאָקע די שטוב מיט דעם גאַניק און גאָרטן!
פון אַלעמגוטן האָט געפונען זיך דאָרטן!
און ווער האָט געטראָגן אַ פוטער פון סויבל?
הײַנט דאָס באַדימענטיק הויבל
אויפן קאָפּ פון זײַן ווײַב קײלע-שׂרה!
געווען איז אין שטעטל אַ סברה,
אַז אײַנגענומען וואָלט די כפּרה
נישט נאָר אַ גראַפיניע,
נאָר אפילו אויך די קײסעריניע,
ווען זי וואָלט אָט דאָס הויבל געזען מיט די אויגן.

אַ פּאַווע איז געפלויגן, געפלויגן
און פאַרלוירן אַ גילדענע פעדער. —
ווער איז געפאָרן אין אַ קאָטש מיט גומענע רעדער?
רב פּנחס דער גבאי!
נישט נאָר עולם-הבא,
נאָר אויך עולם-הזה!
אויף יענער וועלט לוויתן און אויף דער וועלט אַ זראַזע
אין מיטן דערוואָכן.
דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָך געקראָכן

פאַר אים אויף אַלע פיר און אים שמן־זית'דיק געחנפעט,
און האָט פיניע דער שוסטער געזאָגט, אַז רב פנחס האָט באַגנבעט
די טאַקסע פון שטעטל, האָט מען אים די ביינער צעבראָכן.
און וואָס איז דער חידוש — רב פנחסעס שכן,
שמעון מלמד פלעגט זיך שווערן ביי באָרד און ביי פאות,
אַז רב פנחסעס מאות
זיינען נישט איבערצוציילן,
כאָטש ער אַליין פלעגט שיילן
די הויט פונעם לייב
צו געבן זיין ווייב
די פאַר גילדן אויף שבת.

אַ קלייניקייט, דאָס עשירות פון רב פנחס דעם גבאים!
און פיניע דער שוסטער, וואָס איז אויך געוועזן דער באַגרעבער,
האָט נישט געקאָנט קיין לונגאונלעבער
זיך אויף שבת פאַרגינען!

איז וואָס זשע דער חידוש, וואָס פיניען
איז דער נאָמען „פנחס״ בעסער געפעלן?
נאָר ווער ער דער מאַמען אַנטקעגן זיך שטעלן?
און די מאַמע? —
מסתמא
איז איר גאָרנישט אין זינען געקומען אָט דער ענין
וועגן איר זינדל פיניען!
וואָרים וואָס? — אַ יידענע איז זי געוועזן אַ פּראָסטע.
— נישט אומזיסט זיינען די קינדער צעלאָזטע,
גויים, געבראָטענע,
אין דער מאַמעס „אחים״ געראָטענע, —
פלעגט דער טאַטע זיך קלאָגן,
און דערביי ברומען אַזוי צו זאָגן:
— אין אַ לייוונטן זעקל וועסטו קיין רענדלעך נישט טראָגן,
און אויף אַ הילצערנעם וואָגן
קומט משיח דאָך נישט צופאָרן.

— און אין דײַן זײדנס קאַליאַס אויף רעסאָרן
איז געקומען צו פאָרן
אָר־וואַ, מי יודע!
האָט די מאַמע דעם טאַטן געשטעכלט,
און דערבײַ טראַציק געשמײכלט.

— מײַן זײדע האָט געקאָנט יורה־דעה,
אויף רבנות געהאַט האָט ער סמיכה! —
איז דער טאַטע אַרײַן אין רציחה,
הלמאי די מאַמע פּרובירט זיך דערוועגן
אים רעדן אַנטקעגן.

קלײנערהײט
האָט פּיניע שטילערהײט
באַוואונדערט דעם טאַטן,
כאָטש פאַר קײן זאַטן
האָט אים זײַן טאַטנס פּרנסה זעלטן געמאַכט.
איצט, אַז פּיניע זיצט אַמאָל און טראַכט
פון זײַנע קינדערישע יאָרן,
ווערט זײַן זכּרון
פאַר אים, ווי אַ זיפּ, וואָס זיפּט איבער.
אַזויפיל זאַכן און מענטשן זײַנען אים איצט ליבער,
ווי געוועזן זײַנען זײ דעמלט.
אַזוי ליכטיק צעפּלעמלט
איז איצט פאַר אים זײַן מאַמעס געשטאַלט.
ער זעט איצט איר פּנים צעשטראַלט
מיט דער ליבשאַפט פון זון איבער געוואַשענער שויב,
מיט דעם וואָרקען פון טויב צו אַ טויב:
— קינד מײַנס, זע, ווי דו זעסט אויס!
פּיניע טראַכט פון דעם הויז
מיט דעם צעבראָכענעם דיל.
אַ מויז שאַרט זיך דורך אין דער שטיל,
און פאַרשווינדט.
דורכן וואַנט דאָס געוויין פון אַ קינד,

דורכן פענצטער דאָס בילן פון הינט,
דער טאַטע איבער אַ ספר געבויגן,
און די מאַמע מיט פאַרטרויערטע אויגן
פליקט פעדערן שטיל אין אַ זיפּל,
און ער אין דער שטיל שאַרט זיך צום קניפּל,
וואָס די מאַמע האָט אונטער קישנס באַגראָבן:
— ער מוז אויף הוצאות קיין וואַרשע דאָך האָבן,
און טאַטע־מאַמע ווילן נישט געבן.

ערגעצוואו זינגט דאָס לעבן
אַ ליד אויס פון באַרן און עפּל, —
שטילערהייט האָט פיניע פאַרקנעפּלט דעם ראָק אויפן קנעפּל,
און זיך געלאָזן אין וועג.
דערנאָך זיינען געקומען גאָר אַנדערע טעג,
וואָס האָבן פון די פריערדיקע פּאַסן געשניטן,
און אים אינגאַנצן איבערגעביטן.

וואַרשע! — ער אין איר, ווי אין דעם מדבר אַ זעמדל.
וואַכנלאַנג אין אַ קויטיקן העמדל,
און אין אוקראַיניש קאַשקעטל.
זיין חבר בעריש טיילט זיין בעטל
מיט אים, און אַמאָל אויף דעם ביסן.
די שטיוול צעריסן
אָבער יונגע די פיס,
לעבט ער מיט וואָס סע נישט איז,
און שפּאַנט איבער שטאָט אָט דער נייער,
וואָס ווערט אים אייגן און טייער
מיט איר טומל, דעם שאַרפן.

ערגעצוואו שפּילן בויגזאַמע מיידלעך אויף האַרפן
דאָס ליד אויס פון לעבן, —
וואַרשע האָט פיניען געגעבן

אַ מתּנה דעם ווילן
צו ליכטיקע צילן.
דער „פּאַרשטייער" איציק,
וואָס האָט גערעדט אַזוי וויציק,
און היציק,
האָט געעפנט פאַר אים טויערן נייע
צו וועלטן אַזעלכע פרייע,
און שיינע.
די וואַרשעווער מיידלעך, — איינע אין איינע, —
יעדעס מיידל אַ פּאַנע —
אויף דער צעגליאַנע
געוואוינט האָט דאָך יוד לאַמעד פּרץ.

מיט וויפיל דרך־ארץ
און מיט וויפיל פּיעטעט
האָט מען געשמועסט און גערעדט
וועגן אָט דעם גרויסן פּאָעט
אין די יוגנטלעכע קרייזן!
אַז ער פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן
אין זיין ברוינער פּעלערינע אין דעם זאַקסישן גאָרטן,
איז עס דאָרטן
אַ יום־טוב געוואָרן.

אָ, גליאיקע יינגלישע יאָרן!
נישט איינמאָל פּרואווט פּיניע אין זיין זכּרון
זיי נאָכאַמאָל באַ׳טעמ׳ען.
אין יענע יאָרן האָט ער צו זיין טאַטע־מאַמען
זיין לעבן צוביסלעך אין בריוולעך באַשריבן, —
זיינען די בריוולעך ביי זיי כאָטש געבליבן?
ער האָט נישט געשריבן וועגן „פּאַרשטייער" איציק,
וואָס האָט גערעדט אַזוי וויציק,
און היציק
וועגן דעם צאַר ניקאָלאַיען
פון וועמען מען מוז זיך באַפרייען.

דאָס וואָלטן זיי נישט באַנומען.
זיי וואָלטן קיין וואַרשע צוליפן געקומען,
און מיט געוואַלד אים אַהיים דאָך גענומען,
כדי צו ראַטעווען פון אומגליק דאָס זינדל.
ער האָט געשריבן וועגן דעם שפּינדל
אין דער פאַבריק פון די זאַקן,
וואָס וואַרפט אַרויס גאַנצענע שאַקן
פאַר דער צייט, וואָס דער מאַמען נעמט אויסאַרבעטן אַ פּאָר.
פּיניע געדענקט איצט אויף קלאָר,
אַז ער האָט באַשריבן די מאַשינע,
וואָס גערופן האָט מען זי: „מאַכינע"
און געחתמעט האָט ער זיך שטענדיק: מיט ליבשאַפט אייער פּיניע.

פיניע ראַטעוועט זיך קיין אַמעריקע

אַז פיניע האָט דערהאַלטן די בריוו
פון דער מאַמען, אַז זיין פּריזיוו
רוקט זיך אָן,
און אַז מען דאַרף עפּעס טאָן,
האָט ער אַ וואָרף געטאָן
זיין יונג לעבן אין קאָן,
ווי דער קאָרטנשפּילער וואַרפט אַ מטבע.

די מאַמע האָט אפילו געשריבן פון דער קמיע,
וואָס איז בירושה פון זיידן געבליבן,
און אַז דאָרטן שטייט בפירוש געשריבן,
אַז זיינע קינדסקינדער וועלן נישט זיין קיין סאָלדאַטן,
אָבער אין אַ שמועס מיטן טאַטן
איז געווען זיין דעה,
אַז קמיע
איז טאַקע קמיע,
אָבער אַז „ווײַ צו דער מאַמעס יאָרן״ —
דער טאַטע עצהט אַ חסרון!

אָט אַזוי האָט די מאַמע געגעבן אָנצוהערן:
אַז גאָט וועט אַ שידוך באַשערן,
וועט מערצישעם נישט זיין קיין מניעה
אַ קאַליע געמאַכטע ראיה.
— אָדער איז אפשר גרינגער
ארונטערצונעמען פון אַ פוס זיך אַ פינגער?
זאָל ער אַליין שוין באַשליסן
און למען השם גלייך לאָזן וויסן.
דערביי האָט זי אויך אין בריוו שוין דערציילט
וועגן דעם, אַז עס האָט באַכאַשעם זיך לאַנג שוין פאַרהיילט
דאָס לעכל,
וואָס דער פעטער חיים-מעכל
האָט צו זיין פּריזיוו געמאַכט זיך אין אויער.

נאָך איצט באַפאַלט פיניען אַ טרויער
פון דער מאַמעס דעמלטיקן בריוו.
פון וואַרשע קיין האַמבורג צו דער שיף
איז דאָך נישט מי יודע,
נאָר אפשר האָט דעם זיידנס קמיע
געהאָלפן, אַז עס זאָל וואָכן געדויערן?
די גרענעצן, ווי מיט אייזערנע טויערן
זיינען דעמאָלט פאַרשלאָסן געווען.

ווען פיניע האָט ענדלעך אויפן שיף זיך דערזען,
דאָבן אים מער שוין קיין שום געפאַרן
נישט אָנגעהויבן צו אַרן.
אין אַ דראָטן וויגל צווישנדעק
פערצן נעכט און דרייצן טעג,
ווי אַ זעמדל פון ווינטן געטריבן.
ער וואָלט קלאָרער באַשריבן
יענע נעכט, יענע טעג,
איז אָבער, ווי אַ זעג
וואָלט אָפּגעזויגן
פון זיינע אויגן
דעם דעמלט.

עס האָט קיין פלעמל נישט געפלעמלט,
ווען ער האָט געגנבעט די גרענעץ קיין קירע.
מיט אים נאָך אַ פאָר אירע, —
ער געדענקט בלויז זייערע שטרויענע קוישן,
און דאָס נאַכטיקע רוישן
פון ביימלעך און נאַסן טשערעט.
אין יעדנס האַרץ אַ שטיל געבעט,
אַז דער וועג זאָל אַריבער בשלום.
פיניע זעט איצט אַט דעם וועג, ווי אין חלום, —
די נאַכט, ווי אַ טונקעלער טוך פאַר די אויגן,

און דער וועג האָט זיך געצויגן, געצויגן.
אַ ווינטיקער רעגן
האָט געשמיסן אַנטקעגן.

און דערנאָך? —
דער אָקס אינעם יאָך
רעדט נישט אַנטקעגן.
פון וועגן צו וועגן
ביז ענדלעך די שיף.
ערשט דעמלט האָט פּיניע אַ בריוו
טאַטע־מאַמען געשריבן:
— דאַנקען גאָט, אייער זון איז געבליבן
מיטן ליכט אין די אויגן.
קינדווייז האָב איך מיט אַ פּיילנבויגן
זיך אין סאָלדאַטן געשפּילט,
אָבער ווען איך האָב זיך געצילט
אויף דעם שכנס עפּלביימער,
האָט מיר נישט געהאָלפן דער ל״ג־בעומר
פונעם טאַטנס קלעפּ.
— שיין זיינען די גילדענע קנעפּ
אויף אַ סאָלדאַטישן מונדיר,
נאָר ליבער זיינען מיר
די פינגער אויף מיינע פיס.
— ווי עס איז,
וועל איך שוין, ווי ביז אַהער
לעבן מיט מיין געהער
אין דער שטאָט, וואָס רופט זיך ניויאָרק.
— האָט נישט קיין זאָרג, —
אייער זון וועט פאַרפאַלן נישט ווערן
און אַז גאָט וועט געבן, וועט מען הערן
איינע פון די אַנדערע דורך בריוו.

דעם זעלבן אָוונט האָט די שיף
זיך צעציטערט ביים האַמבורגער ברעג,

און געלאָזט זיך אין וועג
אויף פערצן נעכט און דרייצן טעג.

די מענטשן אויפן דעק,
ווי פאַר אַ שטורעם אויפן פעלד די שאָף,
געמורמלט האָבן, ווי פון שלאָף, —
אַ מעשה, אַ שווערע דערנעענטערט זיך צום סוף,
אַ נייע הויבט זיך אָן,
און מיר, ווי מטבעות אין אַ קאָן
אויף אַ קאָרטנטיש.
דאָס טעשל קאָרטן אין געמיש, —
דער טיילער טיילט זיי שווייגנדיק פאַנאַנדער,
און יעדע קאָרט אין וואַנדער
איז ווי אַ וואָרקנדיקע טויב,
איז ווי אַ שטראַל אויף אַ שויב,
פרימאָרגנדיק צעגליט, —
וואָס ברענגט די קאָרט מיט זיך איצט מיט?

אין שפעטערדיקע יאָרן
איז פיניע נישט איינמאָל געפאָרן
איבער דעם זעלבן אָקעאַן
און יעדעס מאָל געזוכט, צי עס איז פאַראַן
אַ סימן איבער אים פון יענעם וועג
דורך פערצן נעכט און דרייצן טעג,
און נישט געפונען אָט דעם סימן.

ווען איבערן רוקן דיינעם כוואַשטשעט דער רימען,
זעסטו נישט, צי דער הימל איז בלוי,
אָדער גרוי.
דעמלט
האָט אַ רויכיק לעמפל געפלעמלט
דורכן גאַנצן וועג
פון פערצן נעכט און דרייצן טעג,
און די מענטשן אין די דראָטענע וויגן, —

ווער עס האָט מיט אַ טרויעריקן ניגון
תהלים געזאָגט אין דער שטיל,
ווער עס האָט זיך געצלמט, און צו דעם דיל
דעם קאָפּ נידעריק געבויגן,
און ווער עס האָט שעה'נווײַז די אויגן
צעגלאָצטע אויף אײנאײנציקער זאַך אָנגעשטעלט.

אין דרויסן איז געווען אַ וואַסערדיקע וועלט,
און דעם גאַנצן וועג
האָט דאָס שמאָל שטיקל דעק
פון דער שיף זיך אין וואַסער געטונקען.
די שיף איז נישט געגאַנגען, נאָר געהונקען,
און האָט ווען סע נישט איז פון צווישנדעק אַ מענטש
באַוויזן אַרויף אין דער הויך און דערגרייכן דעם פּאַרענטש,
האָט ער מיט ניסים צוריק געבראַכט זײַן שטיקל לעבן.
בלויז אײנאײנציקער אָוונט האָט באַוויליקט צו געבן
אויף אַ פּאָר שעה אַ מתנה
אַ בלויען הימל און אַ פולע לבנה,
איז יענער אָוונט געווען ערב די גרעסטע סכנה
אויף דעם לאַנגן וועג
פון פערצן נעכט און דרײַצן טעג.

דער ים איז געווען שטיל און גלאַט, ווי גלאָז,
און איבער אים האָט קיין מינדסטער בלאָז
זיך נישט געפילט פונעם ווינט.
דער אָוונט האָט אויסגעקוקט, ווי אַ דרימלענדיק קינד,
און אַלע אויפן דעק האָבן דעם דרימל געהיט.

עמיצער האָט פאַרצויגן אַ ליד
אויף אַן אויסטערלישן לשון,
איז דאָס געווען, ווי אַ צינד פון אַ ליכט, וואָס האָט
באַלד זיך פאַרלאָשן
אין דעם אַרומיקן שווייגן.
די מענטשן, ווי געגנדז נאָרוואָס באַפרייט פון די שטייגן,
וואָס פּרובירן די פליגל צי זיי קאָנען נאָך פליען,

האָבן נישט אויפגעהערט די הענט און די העלדזער צו ציען.
די שיף האָט געשניטן דאָס וואַסער, ווי אַ דימענט שניידט גלאָז,
נאָר פאַרוואָס איז אַזוי ערנסט דער אַלטער מאַטראָס?
פאַרוואָס באַטאַפּט אַ צווייטער אַזוי פאַרזיכטיק די שטריק?
עס פאָרט דאָך די שיף, ווי אַ קאַטש אויף אַ בריק!
איז פאַרוואָס אַזאַ אומרו אין די מאַטראָסישע טריט?
מאַטראָס איז געניט,
מאַטראָס איז דערפאָרן, —
ער כאַפּט אויף געפאָרן
אויף מײלן די ווייט
אין דער ריכטיקער צייט.
שפּעטער ווען מען איז ווידער געלעגן אין די דראָטענע וויגן,
האָבן שדים אויף יענע זייטן פון די ווענט זיך צעשריגן,
אַז ביז איצט הערט נאָך אַלץ פּיניע דאָס געשריי.
די מענטשן, ווי געביסן פון פליי,
האָבן אין די וויגן זיך געוואָרפן, געדרייט.
און זייערע רייד?
ווער האָט געקאָנט אַזויפיל שפּראַכן פאַרשטיין?
און פּיניע אַליין?
די נאַכט האָט געקלאַפּט איבער אים, ווי אַ זייגער אָן ווייזער,
און ער ד־האָט געטראַכט פון די עמיגראַנטישע הייזער
מיט די שטיינערנע דילן, די קאַלטע, די נאַסע.
יונגע און אַלטע, ראַסע מיט ראַסע
מיט פּעקלעך און קוישן
זיך טוישן
מיט קרעכצן, ילל־ות,
און קללות,
און ער צווישן זיי,
ווי אַ פלוי צווישן פליי.
איז וואָס זשע מיינט דאָס איצטיק געשריי?

זאָל עס שרייען און ליאַרעמען!
— גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען! —
קרעכצט אַ פרוי אויף אונגאַריש,

און איר מאַן קוקט אויס אַזוי נאַריש
לעבן איר מיט די וואָנצעס פאַרדרייטע,
אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות צעווייטע
הייבט אָן אויפן קול ווידוי צו זאָגן,
און אין לופטן זיך טראָגן
געוויינען פון קינדער.

פאַר שאָף און רינדער
איז אַ פאַסטעך פאַראַן,
און פאַר אַ מענטשן אויף אַ שיף אַ קאַפּיטאַן,
וואָס פירט און באַהיט.
נאָר יענער האָט אין קייטן געשמידט
דעם טשעכישן יונג, וואָס האָט געוואַגט זיך צו קלאָגן,
אַז עס איז נישט איבערצוטראָגן
דאָס געשטאַנק צווישנדעק.

פערצן נעכט און דרייצן טעג!
ווען פיניע טראַכט איצט אַמאָל פון זיי,
הערט ער אַ געשריי,
וואָס ציט זיך, ווי דאָס קול
פון אַ יאָמער־טאָל
אָן האָפענונג, אַז עמיצער זאָל דאָס דערהערן,
אָן האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן.

פערצן נעכט און דרייצן טעג! —
ביז די שיף האָט ענדלעך דעם ברעג
אָנגעהויבן דערגרייכן.
דעמאָלט איז די שיף געגאַנגען שוין, ווי טריט אויף ווייכן
זיך אונטערגעבנדיקן גראָז.
אין דער לופטן האָט אַ בלאָז
געטאָן מיט ריח פון דער ערד,
וואָס איז געלעגן ביי דעם ברעג פאַרקלערט,
און פאַרטרערט
פון דעם פרימאָרגנדיקן טוי,

ווי אַ פאַרלאָזענע פרוי,
אַ פאַרקלערטע,
און אַ פאַרטרערטע,
וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט
געוואַרט און געוואַכט
אויפן קומען פון איר מאַן.

נאָך איצט, אַז פיניע טוט זיך אַ דערמאָן
אָן יענעם פרימאָרגן, ווען
ער האָט צום ערשטן מאָל ניו־יאָרק דערזען,
עפנט ער די אויגן ברייט פאַנאַנדער:
— יידן יאָרטויזנטער אין וואַנדער,
ער האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם.
און אַז הינטער אים האָט דער ים
געצויגן זיך שוין שטיל,
און פאַר די אויגן האָט געזען זיך שוין דער ציל,
איז פיניע אויפן דעק געשטאַנען, ווי פאַרטויבט,
און די אויגן אייגענע קוים געגלויבט.

עס ציט די שיף זיך פאַמעלעך צום ברעג
נאָך פערצן נעכט און דרייצן טעג.
עס וואַקסט פאַר זיינע אויגן אויס מיטאַמאָל
די פרייהייט־סטאַטוע מיט דעם אָרעאָל
פון גרויען שטאָל,
און לאָמפּ אין האַנט,
וואָס ווייזט דעם וועג צום נייעם לאַנד.
און הינטער איר,
ווי דורך אַ כישופדיקן ריר, —
טורעמס איינער פון דעם צווייטן העכער.
פרימאָרגנדיקע זון צעשפּיגלט איז אויף דעכער,
אויף גלאַנצנדיקע שפּיצן און קאַרניזן.
ווי אויסגעשפּרייטע הענט פון ריזן,
וואַקסן אויס די הענגענדיקע בריקן,
און די קוימענס פון פאַבריקן.

נאָך פּערצן נעכט און דרײַצן טעג
פּאַלן מענטשן אויף די קני צום דעק
און שעפּטשען תּפילות פול מיט דאַנק.
אַ פרײדיק שטיל געזאַנג
וויקלט דעם אַרום,
און ווער עס פינטלט מיט די אויגן שטום,
און ווער עס שטײט געפּלעפּט
פון וואונדערלעכער גרויסשטאָט, וואָס ליגט, ווי אויסגעהעפּט
בײַם האָריזאָנט.

און דער ים, ווי אַ רעמאָנט
וואָלט איבער אים געמאַכט געוואָרן,
האָט אָפּגעווישט פון זיך דעם פריערדיקן צאָרן.
עס איז געווען, ווי ער אַליין וואָלט מיד געוואָרן
רציחהדיק צו זײַן דורך פערצן נעכט און דרײַצן טעג,
און אויף אָפּרו זיך צעלײגט פון שווערן וועג.
איצט האָט דער ים שטיל און ווײך זיך אויסגעצויגן, —
אַ סטײַע מעוועס זײַנען אָנגעפלויגן,
גריסנדיק די שיף מיט פּאַכעריי פון פליגל,
און פיניע האָט דערפילט זיך, ווי אַ קינד אין וויגל,
וואָס ווערט געוויגט און אײַנגעוויגט אין דרימל.

שפּעטער, אַז צעהעלט האָט זיך דער הימל,
און ניויאָרק האָט אין איר גאַנצער גרויסקײט זיך באַוויזן,
האָט פיניעס האַרץ זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטאָט פון ריזן,
האָט זיך אים אויסגעדאַכט,
האָט טיר און טויער אויפגעמאַכט,
און מיט גוטסקײט אין דעם בליק,
און הכנסת־אורחימדיק
איז זי אויפגעשטאַנען אים בלויז צו באַגעגענען.

ביז איצט, אַז עס טרעפט, — עס נעמט רעגענען
מיט שווערע זאָרג
איבער דער שטאָט ניויאָרק, —

טעג
אָן אַ קלאָרן וועג,
און נעכט
אין אַ שווערן געפּעכט
מיט נעגל און מיט ציין,
און ער פילט זיך פאַרלאָזן און אַליין
מיט זיין וואָרט און זיין ליד,
דערמאָנט ער זיך: די ערשטע טריט
איבער דעם ניויאָרקישן אַספאַלט.

אַ בלעטל פון אַ בוים אין וואַלד
פאַלט אומבאַמערקט אַרונטער, —
די זון גייט אויף און אונטער,
און באַמערקט דאָס בלעטל נישט.
אָבער ער איז נישט פאַרווישט
דורך אַט די אַלע יאָרן
אין ניויאָרק געוואָרן.

אומעטיק און שווער די שעה
אָבער ער איז דאָ
מיט זיין פרייד, זיין פּיין,
און אייביק וועט ער זיין,
ווי אייביק איז דאָס ליד,
וואָס איז צעגליט
מיט לעבן און מיט גלויבן.
און דעמלט הייבט אָן אויף זיינע שויבן
אַזאַ ליכטיקייט צו פאַלן, —
ווייכע, גליענדיקע שטראַלן
ברענגען פרישן מוט
אין זיין בלוט,
לעבן אים אויף,
ציען אים, ווי אַ שטריק אַרויף
פון יאָמער־טאָל,
און מיטאַמאָל

פילט ער זיך געטרייסט.
פּיניע ווייסט
וועגן די שווערע זאָרג
אין די פאַרוואָרלאָזטע געסלעך פון ניויאָרק.
נישט איינמאָל צעעפנט זי זיין אייגענע טיר
און ער ווערט אַ טייל פון איר.
אָבער ער ווייסט אויך
וועגן דעם יונגן כוח,
וואָס שלאָגט אין ניו־יאָרקישן אינגעווייד,
און שפּרייט
אַ גלויבן אַזאַ ליכטיקן,
אַזאַ ציכטיקן
אין אַ מאָרגן,
וואָס וועט אויפגיין אָן זאָרגן.

ניויאָרק איז פאַר פּיניען, ווי אַ מענטש,
וואָס שטייט ביי אַ פאַרענטש
פון אַ מעכטיקער שיף,
זיך ציענדיק צו אָן עפּעס, וואָס איז איצט בלויז אַ באַגריף,
נאָר מאָרגן וועט דאָס זיין שוין רעאַל,
ווי דער ליכטיקער שטראַל
אויף דעם שטיין און דעם שטאָל
פון דער פרייהייט־סטאַטועס קופּאָל.

פּיניע האָט ענדלעך אַן אייגן ווינקל

הײנט אז פּיניע האָט ענדלעך אַן אייגן ווינקל פאַר זיך,
דערפילט ער נישט איינמאָל, ווי אויסצוטאָן די שיך,
ווען ער שפּאַנט צו דעם די שוועל אַריבער.
די זון ווערט אים ליבער,
ווען זי שײַנט אַריין דורך זיין אייגענער שויב.
זיין מאַמע האָט זעלטן מער ווי דרויב
אויף שבת זיך פאַרגינט,
אָבער שטענדיק האָבן געגרינט
ביי די פענצטער די וואַזאָנעס,
און די מעשענע טאַצן האָבן געשיינט ווי לבנות,
אַזוי אויך די לייכטער, דאָס שטויסל און דאָס חנוכה־לעמפּל.
אויף אַלצדינג אין שטוב איז געלעגן דער שטעמפּל
פון ליבשאַפט צו דעם אייגן ביסל פאַרמעגנס.
פּיניע, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אונטערוועגנס,
האָט איצט אַזוי ליב די קליאַמקע פון זיין טיר.
יעדעס מאָל, ווען ער טוט זי אַ באַריר,
ווייסט ער, אַז באַלד וועט האַדל, זיין ווייב, אים קומען אַנטקעגן,
און ווי ער וואָלט געקומען, גאָט ווייסט, פון וואָס פאַר אַ ווייטע וועגן,
וועט זי ביי אים פרעגן און פרעגן,
און דערביי גרינג מאַכן די שווערסטע מאַסע אויף זיינע פּלייצעס.

דאָס בעסטע פערד ווערט געקערעוועט פון לייצעס,
און ער ווערט געקערעוועט פון וואָס ?
אָט קוקט ער דורכן פענצטער אויפן גראָז,
וואָס איז אַרום זיין הויז,
און אים דאַכטן זיך אויס
אַזויפיל זאַכן.

אין שפּאַניען קראַכן
איצט קאַנאָנען,
און זיי דערמאָנען

אים די צײַט, ווען ער האָט אַ ביקס אויפֿן אַקסל געטראָגן.
פֿאַרוואָס איז ער דעמאָלט געגאַנגען זיך שלאָגן?
אָ יאָ, גרויס־בריטאַניע
האָט זײַן פֿאָלק פֿון דער אײביקער אכסניה
אַ שטענדיקע היים צוגעזאָגט!

פּיניע טראָגט
זיך איבער אין זײַן זכּרון
צו יענע יאָרן
אין דעם ברוקלינער געסל,
וואָס האָט געקאָכט ווי אַ קעסל
אויף זשאַריקע קוילן.

— האָב איך באַגעגנט אַ ייִנגעלע פֿון פּוילן!
שרײַט אַ גראַמאָפֿאָן פֿון אַן אָפֿענעם פֿענצטער.
— ביי מיר ביסטו דער שענצטער!
ענטפֿערט אָפּ אַן אַנדערער פֿון קעגנאיבער.
— קום אַרײַן, מײַן ליבער!
רופֿט אַ מיטליעריקע זונה מיט צעפּאַטלטע האָר
פֿון אַ טונקעלן קאָרידאָר,
און די זומער־נאַכט ווערט הייסער, און שווערער.
עס באַווײַזט זיך אַ הימלאַזער מיט אַ פּנים פֿון קוימענקערער
אין צעריסענע בגדים און צעדרייטע שיך,
ווי אַ בוים פֿונעם ווינט שאָקלט ער זיך
און רעדט צו זיך אַליין:
— אויך דער שטיין אין וואַנט איז אײנזאַם און אַליין,
אײַנגעמויערט און דאָך באַזונדער! —
וואונדער איבער וואונדער! —
שמײכלט ער מיט אַזאַ קלוגעטשקער איראָניע.
— אוי אלי, אלי, למה עזבתני!
— אוי, אתּה בחרתּנו!
שרײַט אײן גראַמאָפֿאָן דעם אַנדערן אַריבער.
— איז וואָס זשע זאָגסטו, ליבער?
וויל וויסן די זונה פֿונעם טונקעלן קאָרידאָר,

און נישט ווייט אויפֿן ראָג, — אַ יונגערמאַן מיט געקרייזלטע האָר,
רעדט אויף אַ לירישן קול
וועגן אונדזערן אַ חלום, וואָס ווערט איצט אַ וואָר:
— אויף יעדן באַרג און אין יעדן טאָל
פון אונדזער ארץ־ישראל
קעמפן איצט די ענגלישע, פּילפּעלקערלעכע אַרמייען
אויף לעבן און טויט אין די טראַנשייען
אַנטקעגן דעם טערקישן באַרבאַר
בלויז דערפֿאַר,
כדי דאָס פֿאָלק ישראל
זאָל האָבן דאָס לאַנד, וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל.

איצט שמייכלט אַזוי פֿײַנלעך פּיניע, נאָר דעמלט
האָבן זיינע אויגן געפּלעמלט
פון די רייד, וואָס ער האָט געהערט,
אַז אידן וועלן נאָכאַמאָל אַקערן ערד
מיט די אייגענע הענט.
פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך צעבלענדט
אַזאַ ליכטיקער טרוים:
— אַ ייד אין רו אונטער צווייג פון אייגענעם בוים,
און לעבן אים זיין קינד אין וויג.
זיין אייגענע ציג,
זיין קו און זיין פערד!

אויף מאָרגן, ווען ער האָט פאַרקערט
מיטן בעזים דעם ברודיקן דיל
פון עפּעס אַ רעסטאָראַן, האָט ער איבערגערעדט אין דער שטיל
דעם יונגערמאַנס נעכטיקע רייד צו זיך,
און ווען ער איז שפּעטער אַריין אין דער קיך,
האָט ער איבערן בעזים זיך געשטעלט
אין דער פּאָזע פון אַ העלד,
און געזאָגט צו די געפּעס־וואַשער אַזוי צו זאָגן:
— מיינע זיידעס האָבן געטראָגן
זייער שווער געפּעק

איבער יעדן וועג
פון דער ערד,
אַלע טייכן האָבן געד־הערט
זייער געוויין,
און איך אַליין
בין שוין מיד, ווי אַ כוואַליע זיך צו טראָגן,
און דעם קאָפּ זיך צעשלאָגן
ביי אַלעמענס ברעגן!
דעם זעלבן אָוונט האָבן פאַר זיין כבוד וועגן
די געפּעס־וואַשער און די קעלנער צונויפגערוקט די טישן.
מאָריס דער קאַסירער האָט זיך נישט אויפגעהערט די אויגן צוווישן,
און זיך געשאָלטן הלמאי ער האָט חתונה געהאַט:
— אַט פּיניע איז אַ יאַט,
נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד,
איז ער פריי, ווי דער ווינט,
אָבער איך בין, ווי אַ פערד און מיין ווייב האַלט די לייצע.
נייטן דער אויבער־קעלנער מיט אַ פּנים, ווי פון האָלץ,
האָט געקלאַפּט פּיניען איבער דער פּלייצע,
און געזאָגט, אַז ער איז שטאָלץ,
וואָס די יידישע קעלנער
שיקן אַ זעלנער
אָפּצונעמען צוריק אונדזער ירושלים,
און אַלע האָבן געטרונקען לחיים
יענעם אָוונט מיט פּיניען ביז שפּעט.
אויף מאָרגן האָבן די יידישע בלעטער געשריבן, אַז דער יונגער פּאָעט
האָט פון זיין טאַלאַנטפולער פען אַ ביקס אויסגעשמידט,
און געדרוקט זיינס אַ ליד
מיט אַ בילדל דערביי.

איצט שמייכלט אַזוי פיינלעך פּיניע, — ארץ־ישראל איז פריי
שוין לאַנג פונעם טערק.
איצט איז דאָס נאָך אַ מאַרק צווישן מערק
פאַר גרויס־בריטאַניע,
און פאַר דעם יידן נאָך אַלץ נישט מער ווי אַן אַכסניה,

וואו ער צאָלט פאַר יעדן נאָכטלעגער מיטן בלוט פון זיינע קינדער.
אין לאַנד איז דאָ פאַשע פאַר אַלעמענס שאָף און רינדער,
אָבער דער פאַסטעך איז אַ בלינדער,
אָדער אפשר מאַכט ער זיך בלינד,
און ער פירט זיי אומיסטן צום ווינט
אַנטקעגן,
איבער וועגן
באַדאָרנטע.

— אַ, געדאַנקען דערצאָרנטע!
זיי שלאָגן זיך אויך איצט אום אין פיניעס בלוט,
און נישט איינמאָל פאַלט אַזאַ געדאַנק, ווי אַ רוט
איבער זיין אייגענעם רוקן.
פיניע האָט אַ פּאָר אויגן, וואָס קוקן,
אָבער זיין מוח איז שווער צו באַנעמען.
רוצחים האָבן אויפגעהערט זיך שעמען
מיטן בלוט אויף זייערע הענט,
און די זון איז צעבלענדט,
ווי נעכטן, פאַראַיאָרן.

פיניע מאַכט אַמאָל צו די טיר פון זיין זכרון,
און דאָס פענצטער צו דעם איצט, וואָס איז אַרום אים.
ער זעצט זיך אין אַ שיפל, און זאָגט צו זיך: — שווים,
צו דעם ווינקל, וואָס איך האָב איצט פאַר זיך.

צוויי צימערלעך מיט אַ קיך,
און פענצטער צו אַ גראָזיקן שטח.
אויף אַ ווייל איז אים זיס אפילו דער רעטעך,
וואָס זיין ווייבל גרייט פאַר אים צו.
אָוונט זינגט אַמאָל אויף די רו
מיטן ליכט פון בורשטין,
וואָס דער עלעקטרישער קאַמין
פונעם ווינקל פאַרשפּרייט.
האָדל, דאָס ווייב זיינס, באַשטייט,

אַז אַט דער קאַליר
מאַכט גרינגער, סײַ בײַ איר
און סײַ בײַ אים, דאָס געמיט,
און טרעפט זיך, — ער שרײַבט אויף אַ ליד,
וואָס איז דורכזיכטיק און דין,
זאָגט זי, אַז דאָס האָט דער בורשטין
פונעם קאַמין
גורם געווען.

ווי אַזוי זשע איז דאָס טאַקע געשען,
אַז פּיניע זאָל האָבן אַ ווינקל, און דאָס ליב האָבן אויך?
נישט איינמאָל, אַז ער זיצט און קוקט אויפן רויך
פון זײַן לולקע, וואָס צעשלענגט זיך אין דער הויך,
און אין דער ברייט,
דערזעט ער, ווי אויף לײַוונט צעשפּרייט,
די נעכט און די טעג
פון זײַן ביז איצטיקן וועג.
און, ווי קוקן זיי אויס
אין דעם ליכט פון בורשטין,
וואָס גייט אויף פון דעם קאַמין?
ניו־יאָרק, ווי דער ים אין געברויז,
און ער, ווי אַ שפּענדל אויף כוואַליעס, געוואָרפן אַהין און צוריק.
ער זעט זיך אין אַ הילצערנעם וויג,
וואָס הענגט אויף אַ שטריק
בײַ אַ פּאַרראָסטעטער, שטײנערנער ניו־יאָרקישער וואַנט,
וואָס האָט איבער זיך נאָך דעם סימן פון אַמאָליקן גרין.
פּלוצלונג, ווי אונטער אַ פאַרכישופטער האַנט,
וואַקסט אויס פאַר אים אַ לאַנקע אין וואָלין, —
איוואַנציע מאַזעפּוף אַהער, און אַהין
מיט דער גלאַנציקער קאָסע,
אַזש עס צעשנײַדט זיך די ראָסע
אונטער זײַן פאָד.
פּיניען ווערט אַן אומגעהויערער יאָד
דער שאָבער אין האַנט.

נו טאַקע, איז דאָס אַן ענין
פאַר אַ פּיניען
צו שאָבן דעם ראָסט אין ניו־יאָרק פון אַ וואַנט,
ווען אויף די לאָנקעס אין זיין וואָלין
איז איצט אַזוי גרין?
אַי דאָ איז ניו־יאָרק?
נו וועט ער כאַפּן אויף באַרג
אַביסל גרינס פון אַ פּאַרק,
און וועט דאָס זיין קאַרג,
וועט ער דערמיט
פאַרטראַכטן אַ ליד,
וואָס וועט אים ברענגען וואָלין פון דער ווייט.

— נישט זיין וועט פון דיר קיין לייט,
זאָגט צו אים זיין לאַנדסמאַן, דער באַלעבאָס,
מיט אַ ברוגזן טאָן, אונטער דער נאָז,
און וויל אים אויף מאָרגן קיין אַרבעט נישט געבן.
נעמט פּיניע זיין בענקענדיק לעבן,
און טראָגט עס אַוועק
אויף עטלעכע טעג
צו אַן אַנדער באַלעבאָס,
אָבער דאָס גראָז
אין דעם פּאַרק
ציט אַזוי שטאַרק,
איז וואָס זשע זאָל ער טאָן מיט זיין בענקענדיק לעבן?
און אַז פּיניע דערציילט דאָס משה לייבן, זיין פּאָעטישן רבין,
צעלאַכט זיך משה לייב אויפן קול:
— לעבט אַ מענטש אין אַ טאָל,
לעבט אַ מענטש אויף אַ באַרג, —
צום ערשטן איז צו קאַרג
די זון,
און
דעם צווייטן ברענט זי די אויגן, —
זאָגט משה לייב, און זיינע אויגן,

ווי ביי אַ הונגעריק קינד אינמיטן דעם זויגן, —
אַט מילדע,
אַטווילדע,
אַט בלויע,
אַט גרויע,
און מיטאַמאָל
מיט חוזק אין קול:
— אַט אַ יונג! לעבט אין אַ שטאָט פון שטיין און פון שטאָל,
און אים קריכט גאָר אין קאָפּ דאָס גרין
פון וואַלין!

אָבער דאָס ליד וועגן „גרעזעלעך ווי פרענדזעלעך
אַרום ווייסע גענדזעלעך"
געפעלט אַזוי שטאַרק משה לייבן,
אַז ער הייבט בפירוש אָן צו גלויבן
אין פיניען דעם פאָעט:
— דאָס וואָרט ביי איך איז אויליק און פעט,
און עס גלעט
מיט נאַטירלעכקייט און רו,
זאָגט ער מיט לירישקייט אין זיין קול, —
און לייגט דערביי צו
נאָכאַמאָל,
און נאָכאַמאָל
צו זיך אַליין:
— מע לעבט אין אַ שטאָט פון שטיין,
און פון שטאָל,
און סע קריכט אַלץ אין קאָפּ דאָס גרין
פון וואָלין.

עך, טעג פאַרגאַנגענע!
און נעכט געפאַנגענע
פונעם ליד
אין געמיט!
ווי טויבן ציכטיקע,

און ליכטיקע
פלאַטערן זיי אויך איצט פאַר פּיניעס אויגן אויף.
זיי זיינען געווען פאַר אים דער באַרג אַרויף
צו זיין ליד.
די זון האָט דעמלט געגליט
פאַר זיינע טריט,
און כאָטש זיינע פיס זיינען געווען אין צעריסענע שיך,
און קיין גאַנצן בגד אויף זיך
האָט ער אויך נישט געהאַט,
און אפילו עסן צו דער זאַט
האָט ער זיך אַליין בלויז זעלטן געקענט פאַרגינען,
האָבן אָבער דעמלט אָנגעהויבן לאַנקעס צו גרינען
פאַר אים אויך דאָ אויף דער אַמעריקאַנישער ערד.

פלוצלונג האָט זיין וואָרט
אָנגעהויבן צו ווערן גענערט
נישט נאָר פונעם דאָרט,
נאָר אויך פונעם דאָ.

אָן אָוונטיקע שעה
איבערן האָדסן אויף אַ שיף ביים פאַרעטש,
האָט אויפגעהויבן די דרשיבות פון מענטש
אין די אויגן זיינע.
שיין זיינען די פעלדער פון אוקראַינע,
און ליב איז אויך דאָרט יעדער ישוב,
אָבער, וואָס פאַר אַ כישוף
עס נעמט דיך אַרום, ווען דו קוקסט אויף ניויאָרק פון דער ווייטנס!

קליינערהייט האָט פּיניע ליב געהאַט מעשות פון פאַרצייטנס, —
מעשות פון ריזן,
וואָס האָבן וואונדער באַוויזן,
און זע, איז ניויאָרק נישט קיין וואונדער פאַר דיינע בליקן?
פּיניע האָט ליב געהאַט קוקן, ווי באַנען זיך איילן
איבער שטאָלענע בריקן
אויף מיילן,

אויף די פונקענדיקע, כוואַליענדיקע רויכן
פון די פאַבריקן,
אויף די געבײַדעס, וואָס רײַסן צו די הויכן
די קעפּ, —
אײן קאָפּ העכער פון צווייטן, און זיי אַלע, ווי טרעפּ
אַרויף צו דעם הימל ,און אפשר נאָך העכער.

אָוונט איז ניו־יאָרק פון דער ווײַטנס, ווי אַ גילדענער פּעכער,
וואָס פאַכעט און גלעט.
און ווער האָט אויסגעבויט אָט די שטאָט פון אַלע שטעט?
פּאַר פּיניען איבער דעם האָדסן אויף דער שיף בײַם פּאַרענטש
וואַקסט אויס אַזוי ריזיק דער מענטש
פון די הײַנטיקע טעג, —
דער מענטש מיטן האַמער, דער לאָם און די זעג
פון וועלכן עס שלאָגט אַזאַ כוח,
דער מענטש מיטן מוח,
וואָס פירט מיטן כוח
דאָ אָן.
פּיניעס האַרץ פלאַטערט אויף, ווי אַ פאָן,
און ווען ער שפּאַנט שפּעטער איבערן אַספאַלט פון דער שטאָט,
דערפילט ער, ווי דער אַספאַלט אונטער זײַן טראָט
ווערט אים אייגן און נאָענט.

אין יענע טעג האָט פּיניע מיט ניו־יאָרק זיך נענטער באַקאַנט,
און אָנגעהויבן צו רעדן אויף „דו"
מיט די גאַסן און סקווערן אין איר.
ער האָט אָנגעהויבן זען, ווי די רו
זיצט אַמאָל אויף אַ שוועל בײַ אַ טיר
אויך דאָ.
אין יענע טעג האָט יעדע פרישע שעה
אים אַ נײַ ביסל אייגנס געבראַכט,
און ער האָט ביסלעכווײַז זיך צעוואַכט
צו דעם נײַעם לעבן אַרום, — צו דער וואָר,
וואָס האָט אויפגעוועקט יעדן קאַיאָר

די אָנגעלאָפּענע.
ד׳האַלב ברוגזע, פאַרשלאָפּענע,
האָט מען זיך געיאָגט אין איילעניש.

נישט געווען איז נאָך קיין בעט און קיין טיש,
און די שטוב, ווי אַ בויד צופעליק אָוועקגעשטעלט,
אָבער ביסלעכווייז האָט זיך באַוויזן אַ הויז באַטירט און באַשוועלט
מיט מעבל אין דעם, און אַ גאָרטן אַרום.
עס האָט זיך באַוויזן אַ בלום
פאַרזעצט דורך דער אייגענער האַנט,
און אייגענער האָט אָנגעהויבן צו ווערן דאָס לאַנד
צו דעם טראָט,
אייגן די שטאָט,
די גאַס און די שוועל,
וואָס געווען ביז אַהער נישט מער, ווי האָטעל.

אויך דאָס לעבן, דאָס יידישע,
דאָס קאָכיקע, יאָרידישע,
איז אומגעגאַנגען נישט פאַרקעמט,
און אין אַ קויטיקן העמד.
מען האָט אין אַ קאַם זיך גענויטיקט.
אָט ערשט פונעם וועג, איז געווען פאַרקויטיקט
דאָס וועש, און מען האָט געדאַרפט אויפשלאָגן לויג.
דאָס אויג,
וואָס האָט אַ צייט געקוקט אויף צוריק,
האָט אָנגעהויבן זען, ווי די בריק
הינטער זיך צום צוריק
ווערט צעפאַלן אויף שטיק.

און פּיניע האָט געזען דעם נייעם גאַנג פונעם לעבן,
און זיך אַליין דעם אַ קרבן געגעבן.
ער איז געוואָרן פאַר דעם צעפאַלענעם פעסל די רייף,
און האָט מען געדאַרפט איז ער געוואָרן דער זייף,
און פון זיך אויפגעשלאָגן לויג.
זיין האַרץ ד׳האָט געצאַפּלט, אַז קיין בייז אויג

זאָל דעם נײַעם לעבן ניט שאַטן.
זײַן האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוּלאָדן
מיט דעם לעבן אויף דער ערד, דער נײַער,
יעדעס קערנדל אין דעם נאָרוואָס צונויפגעשלאָגענעם שײַער
איז אים ליב און טײַער
געוואָרן.

פּיניען קומט אין זכרון
זײַן לאַנדסמאַן בערעלע מאַכלעס.
— וואָס וועט זײַן פון דיר תּכלית?
האָט בערעלע געוואָלט בײַ אים וויסן.
— כּל־זמן דאָס פּעסל האָט נאָך צו גיסן,
באַדאַרף מען האַלטן בײַם צאַפּן דאָס קווערטל, —
האָט בערעלע געהאַט זיך אַ ווערטל,
און ער האָט טאַקע דאָס קווערטל
געהאַלטן בײַם צאַפּן.

אין וואָלינישן שטעטל פלעגט זײַן טאַטע קלאַפּן
פּאַרטאָג אין די לאָדנס, און וועקן צו עבודת־הבורא.
— דאָ איז דאָס נישט קיין סחורה,
און גאָרנישט קיין ענין, —
פלעגט ער טענהן צו פּיניען,
און אונטערטראָגן זײַן דימענט־רינג יעדן אַנטקעגן.
אָבער נישט אַלע זײַנען געגאַנגען אויף די וועגן
פון בערעלע מאַכלעס.
אָט האָט נחום, דער לאַנגער, דעם תּכלית
געזוכט אינעם לעבן פון כּלל.
— אַ קו אין אַ שטאַל
מוז כליאַפּטשען פון אַ שעפל,
און פאַר אַ מענטשן גענוג איז אַ לעפל, —
פלעגט נחום בערעלען שטראָפן,
און נישט אײנמאָל האָט געטראָפן,
אַז אפילו אָט דער בערעלע האָט צו אַלעמענס חידוש
געגעבן נחומען אַ דאָלאַר פאַר דער ערשטער קינדער־שול אויף ייִדיש,

און פיניע האָט געזעצן דעם גאַנג פונעם לעבן,
און מיט פרייד זיך דעם איבערגעגעבן.
ער האָט באַנומען דעם רוף, און איז אָפט אַליין אַ רופער געוואָרן.

עך גילדענער פינקס אין פיניעס זכרון!
אַט זיצט ער איצט אין זיין ווינקל ביים טיש,
און בלעטלעך ,און בלעטלעך אין שטילן געמיש
שפרייטן זיך אים אַנטקעגן.
יעדעס בלעטל דערציילט פון אַ וואַנדערער אויף וועגן
אין קליידער פאַרשטויבטע און אין צעריסענע שיך.

ווי אַזוי זשע איז דאָס געשען, אַז ער זאָל איצט האָבן
אַ ווינקל פאַר זיך,
און דאָס ליבן האָבן אויך?
פיניע בלאָזט פון לולקע דעם רויך,
רעדט וועגן דעם מיט זיין ווייבל זיך איבער;
— מיין ליבער,
זאָגט זי שטיל, ווי זי וואָלט רעדן צו זיך:
— יעדער מענטש האָט אַ פליך,
כאָטש ביי איינעם איז ער פאַרדעקט, און ביי דעם אַנדערן נישט,
לייגט זי צו און מישט
דערביי
אַזוי ליב און געטריי
פאַר אים די טיי אין דער גלאָז.

— אַנטקעגן וואָס
איז דאָס
געקומען צו רייד?
ווייל ער וויסן דעם באַשייד
פון אירע רייד:
— זאָג מיר האָדל, מיין האָדל,
וואָס איז דער מיין?
— פרעג ביים שבת־הגדול,
און דו וועסט פאַרשטיין, —

רייצט זי זיך מיט אים און לאַכט,
און גלייך נאָכדעם שטיל און פאַרטראַכט
לייגט זי צו:
מיט ליבשאַפט און רו:
— אַ גוטע נאַכט, פּאָעט,
עס איז שפּעט,
און איך דאַרף זיך אויפהויבן פרי.

אין צימער איז שטיל. דער גלי
פון בורשטין
שפּרייט זיך פונעם קאַמין
אַזוי רואיק און שטיל
איבערן דיל,
און איבער די ווענט,
און נעמט אים אַרום, ווי די הענט
פון האַדלען, זיין חבר זיין ווייב.
פּיניע דערפילט אַזאַ ווייכקייט אין לייב,
ווען ער טראַכט
פון יענעם אויפדערנאַכט,
ווען האָדל האָט אים אַהער געבראַכט אויף אַ לאַסט־וואָגן,
און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
— יעדערער אויף דער ערד
הערט,
און דערהערט
דעם רוף
צו זיין באַרוף.
— ווער עס טראָגט אַ זון פאַר דער וועלט,
וואָס לייכט און באַהעלט,
און ווער אַ בעזים דעם ברוד צו פאַרקערן,
אַ שער צו פאַרשערן,
און אַ נאָדל צום נייען, —
האָט זי געשפּאַסט, און זיך נישט אויפגעהערט צו פרייען

מיטן טיש און די בענקלעך און די בילדער אויף די ווענט.
אָוונט געווען, נאָר איר פּנים האָט געבלענדט,
ווי ביי די שבתדיקע בענטשליכט דאָס פּנים פון זיין מאַמען.

ערגעצוואו ברויזן שטורעמדיק די ימען,
און שלאָגן מיט די כוואַליעס צו די ברעגן, —
האָדל האָט באַגעגנט פּיניען אויף די וועגן,
און ביים האַנט אים גענומען,
איז ער מיט איר אַהער אין שטוב אַריינגעקומען.

האָט ער דעמלט פאַר איר אויף זיין לעבן זיך באַקלאָגט?
ער געדענקט קלאָר, ווי זי האָט צו אים געזאָגט:
—ווער עס טראָגט אַ וואָרט, וואָס דערפרייט,
און ווער אַ נאָדל, וואָס נייט.

און דעמאָלט האָט מען שותפות געמאַכט.
זי האָט פאַרטראַכט
אַ היים מיט אַ קאַמין,
וואָס שפּרייט ליכט, ווי בורשטין,
און ער טראַכט פון לעבן, וואָס גליט
אין אים דורכן ליד.

נישט מער,
אַז עס ווערט אַמאָל שווער
האָדלען
צו נאָדלען
ביי דער מאַשין,
לעשט זיך דער בורשטין
אינעם קאַמין,
און זיין ליד איז דעמלט נישט דין.

שטיקלעך פּאַפּיר פאַרבליבענע

שטיקלעך פּאַפּיר פאַרגעלטע און אָפּגעריבענע,
געדרוקטע און מיט דער האַנט געשריבענע,
און ווי דורך אַ נס פאַרבליבענע
פון פיניעס יוגנטלעכע יאָרן.
איצט זיינען זיי די קאָרידאָרן,
וואָס פירן
צו אַלערליי טירן
אין זיין זכרון.

אָט איז אַ בריוול, — פאַרבלייכט איז געוואָרן
דער ראָזעווער קאָליר
אויף דעם באַגילדעטן פּאַפּיר,
און דאָס גאָלד איז אויך שוין נישט דאָס,
אָבער ווי גרין, שמעקנדיק גראָז,
גייט אויף טיליע פאַר זיינע אויגן.

אַ פּאַווע איז געפלויגן, געפלויגן,
און נישט פאַרלוירן די פעדערן אירע,
פאַר טיליען איז ער געווען דער בעטלער מיט אַ לירע
ווער ווענס גורל עס איז אַ בעטלער צו בלייבן.
— אויב דיר ווילט זיך יידישע לידלעך בלויז צו שרייבן
איז פאַר מיר שוין אַ בעסערער תכלית
בערעלע מאַכלעס,
וואָס איז גרייט אַ היים מיר צו געבן,
און וועט מיר אויסקומען לעבן
אָן ליבע, איז מילא!

איר מאַמע פלעגט אומגיין מיט אַ פּאַטשיילע
יעדן פרייטיק אין שטעטל און בעטן אַ גראָשן,
אַז עס זאָל חלילה נישט ווערן פאַרלאָשן
דער הייליקער נר־תמיד,
אין שול ביי דעם עמוד

און די טאָכטער אין ניויאָרק
האָט געהאַט איינאיינציקע זאָרג,
אַז דער נר־תמיד אין אירע גליאיקע בליקן
זאָל מיט אַ מאַן זי באַגליקן
איידער די שעפער און די פאַבריקן
וועלן אים אויסלעשן, חלילה.
און די גליאיקע, זשוואַוויקע טיליע
האָט סוף־כל־סוף געפונען איר תכלית
אין די אָרעמס פון בערעלע מאַכלעס.

און אָט איז נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר,
און אין דעם אַ גילדענע האָר:
— ביסט דורכגעפלויגן פאַר מיר,
ווי אַ מעטעאָר, —
ווי אַ בליץ זיך צעצונדן,
און אויף אייביק פאַרשוואונדן
פון מיר.

פּיניע גלעט דאָס שטיקל פּאַפּיר,
און די גילדענע האָר, —
מאַלי איז אַ מיידעלע פון פערצן יאָר
מיט אַ קעפּל גילדענע האָר,
און אַ פיגורל אַזוי ווי אַ זאַנג.
אָט זעט ער זי זיצן אויף דער באַנק
אין דער שול, וואו ער לערנט יידיש מיט קינדער,
און ער איז אַ בלינדער
צום ערשטן אויפברויז פון דער ליבע אין איר.
— ביסט דורכגעפלויגן פאַר מיר,
ווי אַ מעטעאָר!
פּיניע גלעט די גילדענע האָר,
און וואונדערט זיך אויף דעם אייגענעם טרויער.
באַדויער?
— נאַרישקייט, — זאָגט ער צו זיך.
דער ריח פון קאַווע טראָגט זיך פון קיך,

וואָס האָדל זיין ווייב גרייט דאָרט פאַר אים צו.
דער לאָמפּ אויפן טיש שפּרייט אַזאַ ליכטיקע רו,
און בלענדט
אויף די שטיקלעך פּאַפּיר אין זיינע הענט,
וואָס פירן,
ווי קאָרידאָרן,
צו אַלערליי טירן
אין זיין זכרון.

און אָט איז אַ ליד, —
דער ערשטער צוויט
פון זיין פּאָעטיש געמיט:

„איך שטיי ביי דיין טיר,
און איך וואַג נישט אַ ריר
צו טאָן די קליאַמקע!"

דאָס מיידל האָט געהייסן נעכאַמקע, —
אַ מיידל מיט אַ נעזל אַ פּאַרריסנס,
און אַ מויל אַ פאַרביסנס,
ווען ער האָט איינמאָל פאַר משה לייבן זיין האַרץ אויסגעגאָסן,
האָט משה לייב באַשלאָסן,
אַז עס וועט גאָרנישט נישט ווערן פון פיניען.
— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענין,
פאַר אַזאַ בחור, ווי איר,
צו שטיין, ווי אַ גולם, ביי אַ טיר
פון עפּעס אַ מויד?
— אַ יונג וועמענס בלוט עס איז רויט,
שטייט נישט, ווי אַ גולם ביי אַ טיר,
נאָר מען גיט אַ זעץ אַ זעץ איבער איר
מיט די געזונטע ידים!

שפּעטער האָט משה לייב געטרונקען לחיים
מיט פיניען פון אַ ברוינלעכן פלעשל,
און דערביי אים דערציילט וועגן זיין פעטער העשל,

וואָס האָט געהאַט אַ באָרד, אַ קאָלטענעוואַטע,
און איז דערצו געווען אַ טאַטע
פון דריי בנים, ווי דרענגלעך,
און דאָך פלעגט אים ווערן ענגלעך
דאָס העמד אויפן לייב,
ווען ער פלעגט אויפכאַפּן דעם בליק פון זיין ווייב,
אַז געווען איז זי אין מקווה.
משה לייב האָט אויפגעזונגען אויפן קול די „התקוה",
ווי ער וואָלט
דערמיט געוואָלט
לאָזן צו הערן,
אַז פיניע וועט נאָך ווערן
אַ לייט
מיט דער צייט.

פיניעס בליק
כאַפּט אויף דעם אויסשניט פון דער ערשטער קריטיק
וועגן די לידער זיינע.
— אוקראַינע
איז אַ לאַנד,
וואו פעט איז די ערד, —
האָט דער קריטיקער דערקלערט.
— דער יונגער דיכטער גיט אונדז מיט אַ סך טאַלאַנט
סיי די פעטקייט און סיי די קאָלירן,
נישט מער, — ער לאָזט זיך אָפטמאָל פאַרפירן
אַזוי אַ זיך סתם
פונעם גראַם,
און בכלל דאַרף ער זיך צאַמען.

פיניע פאַרטראַכט זיך,—ער שרייבט נאָך ביז איצט בלויז אין גראַמען!
ער האָט דעם גראַם אַזוי ליב, —
פאַר אים איז דער גראַם, ווי די זיפּ
איבערצוזיפּן די מעל פון דעם קלייען,

ווי דער זאַיער איבערצוזאַיען
דאָס צעברויזט געמיט
פאַר זײַן ליד.

אָבער אָט די קריטיק!
זי פירט אים צוריק
צו די ערשטע טריט
פון זײַן ליד,
ווען דער גאַנצער אוניווערז
איז באַשטאַנען פון אַ פערז,
און מער גאָרנישט נישט.
דאָס לעבן האָט בלויז די בלעטער געמישט
פון אַ לידער־באַנד
מיט דער האַנט,
דאָס אויער האָט געהערט
בלויז דאָס געזאַנג פון דער ערד,
וואָס האָט זיך געשפּרייט
אין זינגעוודיקער פרייד,
און אין זינגעוודיקן טרויער.
באַדויער?
אפשר יאָ, — זאָגט ער צו זיך.
ער דערמאָנט זיך, אַז האָדל וועט באַלד אַרײַנגיין פון קיך
מיט צוויי טעפּעלעך קאַווע.
— טשיקאַווע,
אַ רעד צו טאָן וועגן דעם איצט מיט איר.

פיניע דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער טיר,
ער נעמט מיטאַמאָל
רופן אויפן קול:
— האָדל, העי האָדל!
— קאַווע שטעפּט זיך נישט מיט קיין נאָדל
אַזוי גיך, —

ענטפערט זי אים פון קיך,
ווי איר שטייגער איז
זיך צו ווערטלען,
און ביי פיניעס פיס
הויבט די קאַץ אָן זיך וואַשן און צערטלען.

רייד, וואָס פּיניע האָט גערעדט צו האָדלען

1

ביסט היינט אַהיים געקומען אַזאַ מידע,
און ביים אַריינקומען אַזאַ ירידה
מיטגעבראַכט אונטער דיינע טריט,
און איצט בריט
דיין שוויגן מיין געמיט.
איז וואָס־זשע האָט אַזאַ איינער ווי איך
געקאָנט טאָן אַנדערש מיט זיך,
ווי זיצן אַ שווייגנדיקער און לאָזן
דעם לולקע־רויך
זיך בלאָזן
אין דער הויך?

אין שטוב האָט זיך צעלויכטן דער קאַמין
מיטן ליכט פון בורשטין,
ווען איך האָב דערפילט דיין באַריר
אויף דער טיר,
און אויף מיין טיש האָט געגליט
אַ ליד
פון מיר
צו דיר
פון ליבשאַפט און גלויבן.
אויך אַ טעלער מיט טרויבן
האָב איך אָנגעגרייט
בשעת דו ביסט געזעסן אין שאַפּ און געניית.
און עפּל און באַרן און פּאָמעראַנצן
האָבן אויף דיר געוואַרט,
נאָר דו, ווי עמעצער וואָלט דיך אָפּגענאַרט,
האָסט גענומען פלעכטן קראַנצן

פון עפּעס אַן אומקלאָרן טרויער,
וואָס האָט זיך געשפּרייט, ווי אַ וואָלקן, אַ גרויער
אויפן בורשטין
פונעם קאַמין,
און אויף מיר.

און דעמלט האָב איך גערעדט צו דיר
אין מיין שווייגן,
אָבער מיינע ווערטער, ווי פייגל אין שטייגן
געפאַנגענע,
זיינען געבליבן נישט קיין דערגאַנגענע.

בלויז איינמאָל האָסטו געטאָן אויף מיר אַזאַ קוק!
און מיט די אַקסלען אַ צוק, —
עס איז אויפגעגאַנגען פון דיר אַזאַ טרויער!
געדאַכט האָט זיך מיר, אַזוי ווי דו וואָלסט אָן טרערן זיך צעקלאָגט,
און אָן ווערטער געזאָגט:
— איך באַדויער,
וואָס איך בין היינט אָט אַזאַ, ווי איך בין,
געדאַרפט אפשר ערגעץ אַנדערש היינט אַריבערגיין,
אָבער, וואוהין?
דערצו איז שווער צו זיין אַליין
מיט דעם אייגענעם פאַרמאַטערטן איך, —
אָט אַזוי האָסטו שווייגנדיק גערעדט,
און אין די קליידער און שיך,
האָסטו זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט,
און צוגעמאַכט די אויגן, —
איז אַ קראָ איבער דיר היינט געפלויגן?

2

װען פּיניע האָט די װערטער גערעדט,
איז האַדל שױן װאַכנדיק געװען.
זי האָט מיט איר װײכער האַנט פּיניעס פּנים געגלעט,
און געשמײכלט אַזױ דין און ליב.
עס איז געװען,
אַזױ װי זי װאָלט שװײגנדיק געזאָגט: — פֿאַרגיב
מיר, פּיניע, מײַן פֿרײַנט, —
מיר איז שװער אַזױ הײַנט.

װאָס־זשע האָט דערמאָנט אַזױ האַדלען טרױעריק געמאַכט?
האַדל, זײַן האַדל, — בײַ איר לאַכט
דאָך אַפֿילו די טונקלסטע נאַכט!
פּיניע איז געזעסן לעבן איר און געטראַכט,
און טראַכטנדיק,
איז זײַן בליק
געװען אַנגעשטרענגט אױף דעם לולקע־רױך,
װאָס איז אױפֿגעגאַנגען אין דער הױך
אין גערדרײ פֿון בלױלעכע שלאַנגען.

אַ גאַנצן טאָג איז ער הײַנט געװען געפֿאַנגען
פֿון װערטער שפּיציקע, װי נאָדלען,
און דערבײַ נישט פֿאַרגעסן אױף זײַן האַדלען.
דער טאָג איז הײַנט פֿון אים אַװעקגעגאַנגען,
װי אַ שניטער פֿונעם פֿעלד נאָך שפּע׳דיקן שניט
מיט דער קאָסע אױפֿן אַקסל צעגליט
אַנטקעגן דער אונטערגײענדיקער זון בײַם האָריזאָנט.
דער האַרבסט דורכן פֿענצטער האָט הײַנט אױפֿגעמאָנט
פֿון אים געװױקסן פֿון זײַן פֿרילינגס־פּאַרזײ.
ער האָט געשריבן פֿון שנײ,
װאָס צעגײט זיך,
פֿון אַ מיל־ראָד, װאָס דרײט זיך,
און צעמאַלט דעם קאָרן אױף מעל.

ער האָט היינט זיך געזעגן ביי דער שוועל
פון זיין טאַטנס הויז.
דער שטעטלדיקער מאַרק, וואָס האָט אויסגעקוקט אַזוי גרויס
און רחבותדיק
פאַר זיין קינדערישן בליק,
איז היינט צו גאַסט צו אים געקומען,
און פיניע האָט אים אויפגענומען,
ווי מען נעמט אַ גאַסט, אַ ליבן אויף.
פלוצלונג האָט עמיצער זיך צעזונגען אינעם הויף
ביי זיינע שויבן,
און דאָס קול האָט זיך געהויבן,
ווי געצויגן פון אַ שטריק,
און פיניע האָט פאַרטראַכט זיך וועגן דער פאַבריק,
וואו זיין האָדלען
מוז שווער זיין צו נאָדלען
דורכן טאָג, דעם גאַנצן.

יענעם טאָג האָט פיניע אָנגעגרייט מאַראַנצן,
עפל, באַרן און צעגליטע טרויבן,
און אויך אַ ליד פון גלויבן,
וואָס האָט אין יענעם נאָכמיטיק
זיך אין אים צעזונגען אַזוי צוויטיק,
נאָר אָט איז איצט שוין נאַכט.
פיניע איז געזעסן און געטראַכט,
אַז גוט וואָלט געווען אָט דאָס אַלץ איצט האָדלען אונטערצוטראָגן,
אָדער כאָטש עפעס אַזאַ וואָרט איר זאָגן,
וואָס זאָל לייכטער מאַכן איר געמיט,
אָבער קיין שום זאַך באַשליסן האָט ער נישט געקאָנט.
זיין זינגעוודיק ליד
האָט אים דערמאָנט
אָן דעם פאַרגאַנגענעם נאָכמיטיק,
וואָס איז געווען פאַר אים היינט אַזוי צוויטיק,
ווייל אַלצדינג האָט געוואַרט אויף איר.
געוואַרט האָט שטיל די קליאַמקע אויף דער טיר,

אַז זי זאָל זי באַרירן,
און איצט, — דער טרויער שאַרט זיך ביי די טירן,
אויף די ווענט און אויפן דיל
אַזוי ציטעריק און שטיל
אַט דאָ.

אַט זיצט ער, פּיניע, שוין אַ שעה,
און אפשר מער,
און אים איז אַזוי שווער,
און לער
איצט אויפן האַרצן.
עס איז געווען, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
און זיך צעלייגט אויף זיין געמיט,
און אויף זיין טיש, אַן איינזאַמס ליגט זיין לויטער, גלויביק ליד.

3

— גלין־גלאָן־גלין! —
דאָס גלעקל אויפן הימל קלינגט אַזוי דין,
און זילבערדיק,
ווייל פאַראַן איז דאָרט אַ פאַרבאָט
נישט צו וועקן אין דער גילדערנער וויג
דעם דרימל־ענדיקן גאָט,
וואָס האָט ליב צו שלאָפן שפּעט.
נאָר פּאָעט
האָט זיך זיין אייגענעם גלאָק, —
ביי פּיניען איז ער איצט דער האַמער אויף טשוואָק,
אין דער וואַנט פון דער וואָך,
ווייל פּאָעט אינעם יאָך
האָט צעבענקט זיך נאָך שבת.
פּיניע האָט זיך דערמאָנט אָן רב שלמה'לע אבא'ס,
וואָס פלעגט טרייסטן זיינע הונגעריקע קינדער
מיט דעם, וואָס ער פלעגט זיי דערציילן,
אַז יעקב, אונדזער פאָטער, האָט געהאַט שאָף און רינדער,
נישט איבערצוציילן.
און אַז ער האָט שוין געטראַכט פון רב שלמה'לע אבא'ס,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט אויף שבת
האָט ער זיך שוין אויך דערמאָנט אָן רב אָשר'לען מיט דעם גיכן
געינגעלע, און צעל־אָזענע פאַלעס,
וואָס פלעגט שיקן משיח'ן
אַלערליי קללות,
הלמאי ער לאָזט אויף זיך אזוי לאַנג וואַרטן
מיט זיין שור־הבר, און מיט זיין לוויתן,
בשעת זיין משפחה לעבט אויף ברויט, אויף פאַרדאַרטן,
און זיין עלטערע בתולה קאָן נישט קריגן קיין חתן.

האָט פּיניע וועגן דעם זיך צערעדט אויפן קול?
קאָן זיין, אַז יאָ, וואָרים מיטאַמאָל
האָט איבער האָדלס פּנים אָנגעהויבן אַ שמייכל צו שוועבן.

פיניע האָט זיך געזעצט איר דערלעבן:
— זיינען די כמאַרעס צעגאַנגען,
און אויפגעהערט האָט שוין דער רעגן?
האָט ער שמייכלענדיק אָנגעפאַנגען
ביי איר צו פרעגן:
— אָט זע, איך האָב היינט געשריבן צו דיר
אַ ליד פון לויטערן גלויבן,
און איצט קראַקעט אַ קראָ ביי אונדזערע שויבן,
און עס איז אַזוי שווער, —
ווער האָט געבראַכט אַהער
אין דער איצטיקער שעה
אָט די קראַקענדיקע קראָ?

אַ דו!
היינט ביסטו
דער אומרו מיין!
די פיין,
דער צער,
דער שכר
פאַר זיין
אָט דאָס, וואָס איך בין.

גלין־גלאָן־גלין!
דאָס גלעקל אויפן הימל קלינגט אַזוי דין,
און זילבערדיק.
און אַזוי איז דיין בליק,
וואָס קוקט איצט אויף מיר,
און אַזוי איז דיין באַריר,
וואָס איך פיל איצט אויף זיך,
און אַזוי אַ בין איך,
און אַזוי אַ ביסטו, —
אַ דו!

4

דו שוויגסט? דו טראַכסט פון אַזוינס, און אַזוינס?
איך זע דאָס, איך ווייס דאָס. דיין פנים דאָס ברוינס
וועקט פיינלעכן נייגער. עס ווילט זיך מיר טרעפן,
נאָר גיי זיי אַ בריה און עפן
אָן אַ שליסל די טיר, די פאַרמאַכטע, —
איך האָב אַזוי ליב דיינע אויגן פאַרטראַכטע.

וואָס־זשע טראַכסטו אַזוינס? צי האָט עס די ווערט?
פאַראַן אַזויפיל טראַכטער ביי אונדז אויף דער ערד,
וואָס דערטראַכטן זיך צום אייביקן גאָרנישט!
אַ איך ווייס זייער גוט, אַז מען טאָר נישט
אַזוינס און אַזעלעכס אויף די ליפּן גאָר ברענגען, —
אין אַלאַבאַמע גרייט מען זיך איצט אַ נעגער צו הענגען.

פאַר וואָס? און פאַר ווען? אָט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַ נעגער!
און געבעלס אין דייטשלאַנד גראַגערט, ווי אַ גרעגער,
וועגן אַ העכערער ראַסע — די אַרישע. און אַריש
זיין, מיינט ביי אים סאַדיסטיש און באַרבאַריש
די יידישע קעפּ צו באַשיטן
מיט פריסיק צעגליטן.

איך ווייס, אַז עס הויערט אַרום אונדז איצט די נאַכט,
זיינען דערפאַר דיינע אויגן, ווי לאַדנס אויף פענצטער פאַרמאַכט.
אָבער נישט שטענדיק זיינען זיי אָט אַזוי אַ, ווי איצט, —
אַמאָל האָט אַ נזיר אויף מירמל־שטיין געקריצט
אַ ליד פון טרויער און פון איינזאַמקייט,
דו האָסטו אים עסן געבראַכט אַ פולע שיסל מיט פרייד.

און אַז ער האָט אָט די פרייד נאָר באַ'טעמ'ט,
האָט זיך זיין לעבן אַזוי פריידיק צעפלאַמט,
אַז דער טרויער איז פון זיך אַליין צערונען.
אָדער אפשר האָט ער וואו דיך היינט געפונען, —
פון פאַרוואָרלאָזטע וועגן,
איז ער דיר געקומען אַנטקעגן?

דערזען דיך, און אַרומגענומען,
דערזען דיך און נקמה גענומען
פאַר דער פרייד, וואָס אין דיר ?
דיין פנים — היינט אַ פאַרשלאָסענע טיר,
וואָס דערציילט גאָרנישט נישט,
און קיין שליסל האָב איך נישט.
וואָס זשע האָט פאַרט היינט מיט דיר אַזוינס געטראָפן ?
איז אַ קאָטער, אַ שוואַרצער דיין וועג דורכגעלאָפן ?

דער קאָטער, — דיין באָס מיט די גיריקע בליקן ?
אָדער אפשר האָסטו היינט ביים נייען און שטריקן
מיטן שפיץ פון דער נאָדל זיך אַ פינגער צעשטאָכן ?
אָדער אפשר האָט אַ חבר קעגן זיין קלאַס וואָס פאַרבראָכן ?

און דו ליידסט איבער דעם, ווי דו ליידסט איבער מיר,
ווען איך פאַרשפּיל זיך מיט רויך, אָדער מיט אַ קאָליר,
און נעם זיך וואַרפן מיט ווערטער, ווי קינדער מיט שטיינדלעך,
אָדער ווי אַ מיידל, אַ צעלאָזנס, מיט חנדלעך,
וואָס מיינען גאָרנישט מיט גאָרנישט,
ווייל זי האָט קיינעם נישט ליב אויף אַ האָר נישט.

דו שווייגסט און דו טראַכסט, — וואָס־זשע טראַכסטו עס פאַרט ?
איז דאָס פון דער ערד, וואָס איז ברייט, און האָט נישט קיין אָרט
פאַר אונדזערטוועגן, וואו א בעט אויף אָפרו אַנידערצושטעלן ?
בו יאָ, אַזויפיל שומרים מיט שטעקנס היטן לידיקע שוועלן, —
זיי היטן, ווי הינט מיט שטשירעדיקע ציין, און מיט וואויען, —
פאַראַן איז אַ טשוואָק און אַ האַמער, און נישטאָ, וואו צו בויען.

איז עס דאָס פון וואָס דו טראַכסט איצט אַזוי ?
די נאַכט איז אַ סוד, און אַ סוד איז די פרוי, —
וואָס־זשע קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלעכע בליקן ?
איבער ניויאָרקישע טייכן הענגען ריזיקע בריקן, —
זינגט איבער זיי איצט די פרייד פון ניו־יאָרק,
וויינט איבער זיי איצט די זאָרג פון ניויאָרק.

5

האָט פּיניע גערעדט אויפן קול אָט די רייד ?
צי בלויז געטראַכט זיי אין זיך שטילערהייט ?
ער ווייסט נישט, — ער געדענקט דאָס שוין נישט.
עס האָט זיך דעמלט אין אים אַלצדינג געמישט,
ווי עס וואָלט זיך אין זיין בלוט און אין זיין אינגעווייד
אַ ציינערדיקע ראָד זיך געדרייט און געדרייט.

ערשט, ווען האָדל האָט אים אַ רוף געטאָן צו זיך,
האָט ער צוריק דערפילט זיינע פיס אין די שיך :
— האָדל, מיין פריינט, — האָט ער אַ דערפרייטער געזאָגט,
און באַלד, ווי אַ געשלאָגענער הונט, זיך צעקלאָגט
אונטער דעם גלעט פון אירע צערטלעכע פינגער
ביז אים איז געוואָרן ביסלעכווייז גרינגער.
— האָדל, מיין האָדל, וואָס איז היינט געשען ?
— אַ שאָף האָט צווישן בערג אַ טיגער דערזען,
און הילפלאָז געווען איז די שאָף, —
האָט האָדל גערעדט, ווי פון שלאָף,
און דערביי אַזוי ווייך אים געגלעט :
— פּיניע מיין פריינט, מיין פּאָעט,
די הילפלאָזע שאָף אין די לאַפּעס פון טיגער, —
אויף אַ ווייל איז פּיניע קיין היגער
שוין נישט געווען, —
זיינע אויגן האָבן דערזען
דעם שרעקלעכן סוף
פון דער הילפלאָזער שאָף.

דעמאָלט האָט ער דערציילט פון אַ מענטשן, וואָס ער האָט געזען :
— אויב הויט און ביינער איז מענטש, איז ער דאָס געווען.
גערעדט האָט דער מענטש פון זיין ווייב, וואָס האָט אים פאַרלאָזן
דערפאַר, וואָס דער האָרן פון אַן אַנדערנס אויטאָ האָט שענער געבלאָזן,
דערפאַר, ווייל די האַנט פונעם צווייטן האָט בעסער געקעכלט, —
גערעדט האָט ער שטיל, און דערביי קלוג זיך צעשמייכלט.

— האָסט געדאַרפט זען זיין שמייכל, — האָט פּיניע געזאָגט שטיל און פאַרטראַכט.
דערנאָך האָט פּיניע דערציילט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אין אַ שאַכט נעכטן ביים גראָבן די קוילן זיין לעבן פאַרלוירן,
און היינט ד'האָט זיין ווייב אים צוויי ייִנגלעך געבוירן, —
אַ מתנה דער קוילנגעזעלשאַפט, וואָס וועט אם־ירצה־השם אין
שפּעטערדיקע יאָרן
האָבן פאַר זיך צוויי נייע געזונטע שאַכטיאָרן.

פּיניע האָט אויפגעהויבן די אָוונט־בלאַט:
— האָסטו געלייענט וועגן זקן, דעם רייכן, וואָס חתונה געהאַט
מיט דעם אָרעם מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק?
— הם . . . היטלער שאַרפט שוין זיינע ציין אויף אויף דאַנציג!
אַן עס־אַ־עס פון אַ שיף, וואָס איז אין סכנה,
אַ רייכע יורשטע נעמט און ווערט גאָר אַ נאָנע!

און אַז פּיניע האָט דערהערט, ווי האָדל ציט אירע גלידער,
איז דאָס געוועזן פאַר אים, ווי ליכטיקע לידער
וואָלטן אויפגעגאַנגען פון יענער זייט וועגט.
דער לאָמפּ אינעם צימער האָט זיך העלער צעברענט,
האָדלס פּנים מיט ליכט אָפּגעגאָסן,
און אויפן טעפּיך האָט די קאַץ זיך צענאָסן.

און אַז פּיניע האָט זיך צו האָדלען געבויגן,
געגלעט אירע האָר, און געקושט אירע אויגן,
און דערביי איר געזאָגט אויפן אויער,
אַז ווי אַן אַגרעס, אַ גרינער, אַזוי איז זי זויער,
האָט זי זיך פּלוצים אינגאַנצן צעוואַכט,
און צו אים זיך צעלאַכט.

— דו לאַכסט? אויב אַזוי, איז אָוודאי דיר בעסער, —
זיי מוחל, וואָס איך בין נאָך אַלץ אַזאַ פרעסער.
בשעת ביסט געשלאָפן, האָב איך פאַרשלינגען די טרויבן,
און געבליבן אויפן טיש איז מיין ליד בלויז פון גלויבן

מיט אַ צוגאָב פון פלוימען און פּאָמעראַנצן אַ פּאָר, —
ווי קרויזיק און ווייך עס זיינען היינט דיינע האָר!

ביים שיילן פּאָר איר אַ פּאָמעראַנץ מיט די פינגער,
האָט ער מיט אַ טאָן פון אָפּערע־זינגער
גענומען אויפן קול זיך צעגאָרגלען:
— אין גאָלדענעם טעמפּל שפּילן די אָרגלען,
און די הערא̇לדן די טרומפּייטערלעך בלאָזן,
און די כלה, אוי־ווײ, האָט דעם חתן פאַרלאָזן!

פאַרלאָזן, אַוועק מיטן ווינט איז די כלה,
אַ בראָך, און אַ קלאָג, — וויי און ווינד איז איצט אַלע,
און נאָך ווייער, און ווינדער איז נעבעך דער חתן, —
האָט פיניע אין אַ ציקלדיק קול זיך צעגאָסן, —
דאָס מאָל, ווי אַ חזן אין שול ביי דעם עמוד,
און האָדל האָט געלויכטן, ווי אין שול דער נר־תמיד.

אָבער, ווען זי האָט דעם פּאָמעראַנץ אויסגעזויגן,
זיינען געהאַנגען איבער איר זיינע אויגן
מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַ צאַרטער.
ער האָט זיך דערפילט, ווי אַ בוים, אַ פאַרדאַרטער,
וואָס האָט אָנגעהויבן נאָכאַמאָל בליען,
ווי אַ קויל, אַ פאַרלאָשענע, וואָס הויבט אָן נאָכאַמאָל גליען.

און דעמאָלט האָט ער האָדלען אין זיינע אָרעמס גענומען,
און דעמאָלט איז די ליבשאַפט צוריק אָנגעקומען,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל פון לענדער פון ווייטע,
האָדלס טונקעלע לאָקן האָבן זיך צעציטערט פאַרשייטע,
און ער, — אין עקסטאַטיש־פאַרכלינעטן גליק,
האָט זי געוויגט, ווי אַ קינד אין אַ וויג.

6

דער טרויער ?
אַ שאָטן ביים טויער,
פֿאַרבליבן פֿון נעכטן, פֿאַראַיאָרן, —
מיר וועלן אים לזכּרון
אין אַ ביכל פֿאַרשרייבן,
און דאָרט זאָל ער בלייבן !

נישט קיין ירידה,
נאָר פּשוט אַ מידע
פֿון דעם טאָג אַזאַ שווערן, —
אַ טאָג אויסצוהערן
די נאָדל צו נאָדלען,
איז שווער אפֿילו פֿאַר האָדלען.

העי האָדל, האָדל,
מיין שבת־הגדול,
העי האָדל, האָדל, נאָדל־טעשל,
אַז נישטאָ איז קיין מילך אינעם פּלעשל,
איז אויך וואַסער אַן ענין
פֿאַר דיר און פֿאַר פּיניען,
מאַך צו דיינע אויגן, —
אַ פֿויגל געפֿלויגן, געפֿלויגן,
דער פֿויגל געקומען,
און אין נעסט זיך פֿאַרנומען
צו רוען אָן זאָרגן
ביז מאָרגן.

ד

מיט די קרויזן צעפלאָסענע,
און אויגן פאַרשלאָסענע
שמייכלט איצט האָדל.
נאָך אַ טאָג ביי דער נאָדל
איז איר גוט אונטער פּיניעס קול,
ווי גוט עס איז דער שאָף אין טאָל
אונטער פאַסטעכס פייפלדיקן טאַָן.
די פרייד צינדט זיך אָן
מיט קאָליר פון בורשטין.
עס וואַרפט דער קאַמין
אַ ציטערדיקן בלענד
איבער די ווענט,
איבערן דיל,
און פיניע זינגט שטיל.

8

שלאָף איין
אין רו.
די שיין,
ווי דו,
באַדאַרף
אויך שלאָף.
די האַרף
ביים סוף
פון שפּיל,
ווי דו,
ווערט שטיל, —
ליו־ליו.

אַ קלאַנג?
אַ טאָן?
דער גאַנג
פון קאָן
נאָך נישט
פאַרשפּילט.
פאַרווישט,
פאַרקילט
אַ טאָג
פון דיר?
נישט זאָג
דאָס מיר!

דער טאָג
געבערט
אַ טאָג,
און מערט
די שעה
מיט שיין,
וואָס דאָ

וועט זיין.
דיין בלוט
איז קיל ?
עס רוט
בלויז שטיל.

ווי דו,
באַגערט
אויך רו
די ערד.
אַ טרער
פון שאָף
אויף שער ?
שלאָף, שלאָף, —
אַמאָל
געוועז !
אַמאָל
געשען !

9

פּלוצלונג עפנט האָדל אויף די אויגן,
און זאָגט לאַכנדיק: — אַ בער איז געפלויגן
איבער אַ ברענענדיקן, שטרויענעם דאַך.
— האָט די בערעכע — די בערעלעך
געראַטעוועט דורך דער אָפענער טיר, —
פאַרענדיקט פּיניע די מעשה פאַר איר.

— אַמאָל און אַמאָל געווען איז אַ בייזער מלך,
איז נעבעך דער מלכה געווען גאָרנישט נישט פריילעך, —
נעמט פּיניע דעקלאַמיר͏ן הויך אויפן קול.
— העי פּיניע, דיינע אָרעמס זיינען היינט דאַך, ווי שטאָל, —
קאָן האָדל דעם אָטעם קוים כאַפּן אין די אָרעמס זיינע.
— העי פּיניע, איך בין נישט קיין שיקסע פון דיין אוקראַינע.

— ביסט מער נישט מיד? — פרעגט ער, — און שלאָפן ווילסטו
שוין נישט?

אַבי איך האָב זיך געשראָקן אומזיסט, און אומגעשט,
און אַזויפיל לירישע רייד איבער דיר אויסגערעדט.
פאָלג מיך, און שיק צום טייפל, דיין יונג, דעם פּאָעט,
און נעם זיך אַ בחור מיט מאַזאָליעטע פינגער, —
עס וועט מיט אַזעלכן זיין דיר פיל גרינגער.

אָט האָב איך אין מיין אומרו פאַרשלונגען די טרויבן
און געבליבן אויפן טיש איז בלויז דאָס ליד פון נעם גלויבן, —
דער גלויבן איז גוט, נאָר צו וואָס איז דאָס ליד?
— מיין פּנים האָט היינט זיך פון חרפּה צעגליט,
ווען איך האָב דאָס ליד צום באַלעבאָס פון דער צייטונג געבראַכט, —
ער האָט פאַר אַ יאָלד מיך באַטראַכט און פון מיר חוזק געמאַכט.

— גלויבסט אין אַ בעסערע וועלט? — האָט ער ציניש געפרעגט,
און זיין קול האָט איבער מיר זיך צעזעגט,
ווי אַ זעג מיט פאַרראָסטעטע ציין אויף אַ בוים אין זיין בליען, —
אָט נעם, און שרייב אויף אַ ראָמאַנדל, וואָס זאָל זיך ציען,
ווי קליי, — מיט אַ „שפּיץ" און אַ „קיצל", און דער עיקר, —
ער זאָל האַלטן דעם עולם, ווי דער בראָנפן דעם שיכור.

אָט אַזוי האָט ער גערעדט, מיך באַלערנען פּראָבירט, —
אַמאָל, ווען מיין מאַמע האָט מיך אין חדר געפירט,
אין איין האַנט מיין הענטל, און אין דער צווייטער מיין קוילעטש
מיט פּוטער,
פלעגט זי רעדן מיט ווייכקייט: — וואָקס אַ ייד אויס, אַ גוטער,
אַזוי ווי דיין טאַטע, און אַזוי ווי עליו־השלום, דיין זיידע, —
וואָקס, ווי יצחק, וואָס איז געגאַנגען מיט פרייד אויף דער עקידה.

אַזוי האָט מיין מאַמע צו מיר גערעדט,
און איצט, אַז איך בין אַ פּאָעט,
ווער איך נישט איינמאָל צעגליט
פון דער מאַמעס קול, און מיין ליד
איז אָפטמאָל דער עכאָ פון אירע רייד,
פון איר זאָרג, פון איר פרייד.

10

שפעטער בײַט אַלצדינג אין צימער זיך איבער, —
האַדלס פּנים ווערט ווײכער און ליבער,
און פון קיכל גייט אויף אַ שאַרפער ריח פון קאַווע.
איצט איז פּיניע אן אָדם און האָדל אַ חוה, —
זי לייענט זײַן ליד, און פאַרבײַסט מיט אַ קוש אויף זײַן שטערן,
און די שעהן, — אַזעלעכע גרינגע, און ציטריקע ווערן.

אַנהויב אָוונט איז אַהיים זי געקומען אַ מידע,
און געוועזן איז ווי אַ שווערע ירידה,
וואָלט זי מיטגעבראַכט מיט זיך אין די טריט.
און איצט? — אָט לייענט זי זײַן אויפגעלויכטן ליד,
און איר פּנים איז לויטער און פריש,
ווי דער לאָמפּ, דער צעבלענדטער, איבערן טיש.

איר בליק? וואָס זעט ער אין איר עס אַצינד?
פריער האָט געיאָגט פון אים אַ פּראָסטיקער ווינט, —
אַ ניין, נישט קיין ווינט, נאָר מחנות מיט ווינטן!
אָבער איצט? — אויף אַ פעלד, איבער גראָז, דעם צעגרינטן,
שפּרינגט אַ מיידל מיט יונגע און בויגיקע גלידער,
און זינגט פריילעכע און ליכטיקע לידער.

לידער פון פרייד און פון שיין צו אים, און צו אַלץ, —
די ערד גיט דאָס ברויט, און דער ים גיט די זאַלץ,
און זי גיט די ליבשאַפט, ווי די זון גיט די שטראַלן.
אויף אַ ווייל איז דער הימל צו דער ערד צוגעפאַלן,
אָבער באַלד האָבן אירע הענט אים צוריק אויפגעהאַנגען
מיט לויטערער ליבשאַפט, און העלע געזאַנגען.

לידער פון לעבן, — פון דער ליכטיקער וואָר,
און זילבערט אויף קעפּ זיך אַ זילבערנער האָר,
איז ער נישט פון יאָרן, — זײַ זײַנען נאָך ווייניק.
געזאָגט האָט דער נביא: — גיי אַרויס און פאַראייניק!
נו האָט מען געפאָלגט, נו איז מען געגאַנגען
מיט ליבשאַפט און גלויבן און העלע געזאַנגען.

חשבון

[ישט פלוצלונג איז דאָס געשען.
פלוצלונג געשעט נישט קיין זאַך.
פּיניע האָט אָנגעהויבן צו זען,
ווי די ווענט און דער דאַך
זיינען נישט גענוג,
אַז דער וויין אין דער קרוג
זאָל זיך נישט זעצן צום דנאָ.
דאָס קראַקעריי פון דער קראָ
האָט אויך נישט אָנגעהויבן
מיט איין מאָל ביי זיינע שויבן.
ער האָט אויך פריער געהערט
דאָס געוויין פון דער ערד.
נישט מער, פלוצלונג זיינען אָנגעקומען יאָרן,
אין וועלכע עס איז אַ בושה געוואָרן
פאַר די אייגענע שיך
צו שטעלן דעם אייגענעם „איך"
אינעם צענטער פון לעבן.

וואָס האָט ביז דעמלט פּיניע געגעבן?
אָ יאָ, ער איז אויך דעמלט אַ דיכטער געווען!
אָבער נישט מער ווי אַ דיכטער, וואָס האָט געזען
אַן אילוזיע רייטן
אויף אַ וואָלקנדל פון ווייטן
פון ערגעץ נישט
קיין ערגעץ נישט,
אָט אַזוי,
גלאַט אַזוי
פאַר שיינקייט וועגן.
דעמאָלט איז גענוג געווען פאַר זיינעטוועגן,
אַז עס זאָל אים קומען אַנטקעגן
אַביסל קאָליר,
אָדער אַ באַריר

פון אַ פרוי
מיט אויגן בלוי,
אָדער שוואַרץ,
אַז איבערשוימט זאָל ווערן זיין האַרץ,
און אין זיין זינגעוודיק געמיט
איז באַלד אַ ליד
געבוירן געוואָרן.

יענע יאָרן!
פּיניע בענקט נישט נאָך זיי,
כאָטש, ווי פריש געפאַלענער שניי,
קומען זיי אַמאָל צוגאַסט צו זיינע שויבן,
און צעוואָרקען זיך ווי טויבן.

„טויבן שטייען ביי מיין פענצטער,
ווייסע טויבן צוויי,
עפענען וועל איך דאָס פענצטער,
עפענען פאַר זיי.

„אין מיין שטילן איינזאַם צימער
וואָרקען וועלן זיי,
וואָרקען וועלן אין מיין צימער
ווייסע טויבן צוויי.

„אין די נעכט פון שווערן אומעט
וואָרקען וועלן זיי,
אין די נעכט פון שוואַרצן אומעט, —
ווייסע טויבן צוויי".

ווי לאַנג איז דאָס, אַז ער האָט אַזוי געזונגען?
שפּעטער האָבן זיך צעקלונגען
בייע גלעקער,
און ווי וועקער,

האָבן זיי גענומען וועקן
איבער אַלע עקן
פון דער ערד.

פיניע איז צופרידן, וואָס דערהערט
האָט ער דעם נייעם רוף פון לעבן אויף דער ערד,
און איז דעם נאָכגעגאַנגען.
עס איז געווען, ווי די זון, אַן אויסגעלאָשענע, איז אויפגעגאַנגען
אויף צוריק.
זע, אַ נייע בריק,
אַ נייער וועג,
און זיינע נעכט און טעג,
און זיינע יאָרן
זיינען פולערע געוואָרן
אינעם גאַנג צו דעם פאָרויס.

נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ער האָט אין אַ הויז
זיך אָפּגעשטעלט אויף דעמלט.
דורך אַ פענצטער האָט געפלעמלט
אַביסל שיין,
איז ער אַריין,
זיך אָפּגערוט
אויף אַ מינוט.

פון די שליאַכן אויף אוקראַינע, —
די זינגעוודיקע יאָרן זיינע,
געדענקט זיך אים דער קאָרן, דער צעגילדטער,
און אַ טייך, אַ ברייטער, אַ צעשפּילטער,
וואָס האָט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין אַוועקגעצויגן.

עס געדענקען זיך אים אויך די סטויגן
פון שמעקנדיקן היי,
און די פליענדיקע פייגל איבער זיי
געדענקט ער אויך, און וועט אייביק זיי געדענקען,

כאָטש אַזױפֿיל רעגנס ד'האָבן שױן פּרובירט אָרונטערשװענקען
זײַ פֿון זײַן זכּרון.
אַזױפֿיל יאָרן,
אַז זײַן לעבן רױשט אױף ניױאָרקער גאַסן און אױף סקװערן,
און דער בעזים פֿון דער צײַט קאָן אַלץ נאָך נישט פֿאַרקערן
דאָס לאַנד פֿון זײַן געבורט אין זײַן זכּרון.
די ערשטע יאָרן
איז געפֿאַלן אַזױ שװער
דאָר איבערטראָגן זיך פֿון דאָרט אַהער,
אָבער צום צוריק
אַן אײַנגעפֿאַלענע איז שױן געװען די בריק
אונטער דעם פֿײַער און דער שװערד,
װאָס האָט זיך געטראָגן אױף דער ערד,
װאו ער האָט צום ערשטן מאָל די װעלט דערזען.
און עס איז געװען,
אַז פּיניע האָט געמוזט צום פֿאַראױס װענדן זײַנע בליקן.

פּיניע אין ניױאָרקישע פֿאַבריקן,
און אין שעפּער.
הײַנט אַ שטעפּער,
מאָרגן אַ מאַליער און שפּאַלירער.
אָט אַ טאַפּעצירער,
אָט אַן עלעװײטעד־פֿירער.
געפּעס געװאַשן אין קיכן פֿון ניױאָרקער רעסטאָראַנען,
נישט אײנמאָל אױך געשטאַנען
אין דער רײ, און גליק געהאַט צו זײַן אַ שנײ־פֿאַרקערער,
און װען ער איז געװאָרן שפּעטער גאָר אַ לערער
אין די שולן ײדישע, איז דאָס געװאָרן בײַ אים ממש אַ באַרוף,
און דאָך, אַפֿילו דעמלט, האָט ער טיף אין זיך געהערט אַ רוף,
כאָטש קלאָר געװען איז אים נישט נאָך צו װאָס.
אַמאָל איז דאָס געװען אַ פּשוט ביסל גראָז,
װאָס זאָל זײַן בליק אַ גלעט טאָן,
אַמאָל אַ מענטש צו װעמען גלאַט אַזױ אַ רעד טאָן.
אַמאָל איז דאָס געװען אַ גאָט

וועמענס געבאָט
ער זאָל פריידיק קענען טאָן,
אַן אַנדערש מאָל אַ פּאַן,
וואָס זאָל אים פירן
נישט בלויז צו די טירן
פון קאָפּע־הייזער,
וואו דאָס לעבן איז געגאַנגען, ווי אַ זייגער אָן אַ ווייזער,
וואו רייד, ווי קאָכעדיקע לאַווע,
איבער מענטש און וועלט,
זיינען דערטרונקען געוואָרן אין שלעכטער קאַווע,
וואו זיך אַליין האָט מען געשטעלט
אויף אַ זייט פון דער וועלט, —
אויסער איר גרענעץ,
ווייל געהאַלטן האָט מען פאַר וויכטיקער דעם אייגענעם גענעץ,
דעם אייגענעם „איך"
אין די צעדרייטע שיך,
און אין דעם קויטיקן העמד.
דאָס לעבן אַרום האָט געשריגן: קומט, נעמט!
אָבער מען האָט נישט גענומען.
מען איז געווען צופיל פאַרנומען
בלויז מיט דעם וואָרט,
וואָס האָט געצוקערט דעם אייגענעם גומען,
ווי טאָרט,
וואָס האָט געבלענדט,
און פאַרבלענדט
די אייגענע אויגן, ווי דער רויך,
וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דער הויך
פונעם אייגענעם סיגאַרעט.

פיניע דער פּאָעט
ד'האָט דערפילט,
אַז אַ וואָרט, וואָס איז אינערגעץ נישט געצילט,
איז ווי אַ קאָלירקער לופט־באַלאָן,
וואָס קומט אין ערגעץ נישט אָן, —

עס גײט אויף אין דער הויך,
ווי דער רויך
פון אַ סיגאַרעט.
און פּיניע דער פּאָעט
האָט פּלוצלונג דערפילט דעם ציטער
פון אַ געוויטער
אין זיך.
ער האָט דערבּילט, אַז ביז איצט האָבן געשפּאַנט בּלויז זײַנע שיך,
און נישט זײַנע טריט.
דעמלט איז זײַן ליד
אויך ציטערדיק,
און געוויטערדיק
געוואָרן.
נישט מער קײן קאָליריק פּעדעמל אין אוזאָרן,
נישט מער אַקטיאָר
אין פרעמדע האָר,
אין גרים,
נאָר מענטש, וואָס ראַנגלט זיך אין אים,
שנײַדט דאָס אײגן לײַב אויף שטיקער
אין זײַן בּענקשאַפט נאָך אַן עיקר,
נאָך זין, נאָך ציל.

ווען ער איז אַוועק קײן יהודה און גליל
מיט בּיקס אין האַנט
אָפּצונעמען דאָס לאַנד,
וואָס ער האָט פונעם חומש געקאַנט,
איז זײַן קאָפּ געווען בּלאַנד,
און זשוואַוויק זײַן טראָט.
אַ ווײַל האָט זיך אים אויסגעדאַכט,
אַז אין אים האָט אויפגעוואַכט
דער געזוכטער גאָט,
און ער טוט זײַן געבּאָט,
גײענדיק אין זעלנערישן טראָט
מיט בּיקס געלאָדענער אין האַנט,

אָבער, ווען ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערזען, ווי בריטאַניע
האָט זיך צעלייגט אינעם לאַנד,
ווי אַ מעקלער אין אַן אַכסניה,
האָט שוין אפילו דאָס שטיקל איבערבלייבעכץ פון דער וואַנט,
וואָס האָט אַמאָל געהערט צו זיינע אָבות,
פון אים קאַטאָוועס
געטריבן.

די אָפּגעריסענע, וואָס האָבן געקליבן
לעבן איר נדבות
אין זכות פון די הייליקע אָבות,
האָבן זיך פאַר אים געבוקט,
און ווי אויף אַ פרעמדן, אויף אים געקוקט.
זייער נעבעכדיק בעטן
איז געפאַלן אויף זיין געמיט,
ווי טריט,
וואָס צעטרעטן
געוויקסן, וועלכע האָבן זיך ערשט פאַנאַנדערגעבליט,
און יענע, וואָס האָבן אַ שטיקל ערד אויפגעאַקערט,
האָבן מיט שנאה געפלאַקערט
צו אים פאַר זיין יידישן לשון.

האָט זיך ביסלעכווייז געלאָשן
דאָס ליכט, וואָס האָט זיך פריער געצונדן אין אים.
ער האָט זיך דערזען ווידער אין גרים,
ווי אַן אַקטיאָר
יעדן טאָג אין אַ פּאַרוק פון אַנדערע האָר,
וואָרים פרעמד ביז גאָר
איז געווען צו זיין געמיט
דאָס העברייאיש מיט דער „האַוואַרע־האַספאַראַדיט",
ווי פרעמד עס איז געווען דאָס זאַמד אונטער זיינע טריט,
וואָס האָט, ווי פריסיק, געגליט.

און עס איז געווען,
אַז דעמלט האָט פּיניע דערזען
אין דער בלויקייט פון די אויגן זיינע
אַ פרישע בענקשאַפט נאָך דער אוקראַינע,
וואָס איז אין יענע יאָרן
אַ באַנייטע געוואָרן,
און וואו צו אַלעמענס חידוש,
עס האָט אונדזער יידיש
זיך נאָך העלער צעקלונגען,
נאָך לויטערער צעזונגען
אין די מיילער פון דעם יונגן יידישן דור.

איצט טראַכט ער, אַז ער האָט געדאַרפט זיינע פינף און צוואַנציק יאָר,
די דעמלטיקע, צוריק פירן אין זיין אַלטער היים,
וואו דער דור, דער באַנייטער, האָט געקנאָטן די ליים,
און די ציגל געברענט
פאַר גאָר אַ נייעם פונדאַמענט,
אָבער דעמלט האָט ניויאָרק געשלעפט אים צוריק,
ווי מען שלעפט אַ יונגן אָקס ביי דעם שטריק.

עס זיינען געווען סילוויעס שוואַרצע אויגן,
וואָס האָבן אַזוי שטאַרק דעם שטריק געצויגן, —
עס זיינען געווען אירע פלאַמעדיקע ליבעס־בריוו!
— כאַ, כאַ! סילוויע! — ווען די שיף
האָט אים צוריק קיין ניויאָרק געבראַכט,
האָט די שטאָט זיך אים אין פנים צעלאַכט:
— פּיניע, צו שפּעט!
דיין שיינע סילוויע האָט איר פּאָעט
אויסגעביטן אויף אַ יונג מיט אַ קרעמל
פון מילך און פּוטער און זעמל!

— און סילוויע אַליין? —
זי איז געקומען צו אים צוגיין,
און זיך היסטעריש צעקלאָגט.

שפּעטער האָט זי, כליפּענדיק, געזאָגט,
קוקנדיק מיט בענקשאַפט אויף פּיניען,
אַז פאַר אים איז סיי-ווי נישט קיין ענין
צו נעמען אַן עול אויף דער פּלייצע.
זי האָט אים געגעבן אַן עצה
צו לעבן אַליין,
כדי זי זאָל קאָנען קומען צוגיין,
ווען איר מאַן וועט זיין צו שטאַרק פאַרנומען אין זיין קרעמל
מיט דער מילך און דער פּוטער און די זעמל.
זי האָט גערעדט וועגן דעם, אַז נאַאיוו
זיינען געווען צו אים אירע בריוו,
נאָר וואָס זשע דען? —
זי ווייסט, אַז נישט איינמאָל וועט עס געשען,
ווען איר האַרץ וועט טאָן נאָך אים אַ צוק און אַ פּרעס,
וויל זי דערפאַר שטענדיק האָבן ביי זיך זיין אַדרעס.

איצט שמייכלט ער, פּיניע, נאָר אין יענעם מאָמענט,
האָט ער מיט די הענט
זיך דאָס פּנים פאַרשטעלט.
אויף אַ צייט איז ער צו דער וועלט
אַ פרעמדער געוואָרן.
קיין סימן פון צאָרן
האָט אין אים נישט געברויזט.
עס איז געווען, ווי אַ פּוסט,
וואָלט איבער אים זיך אַרונטערגעלאָזן.
די ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן
אַרום אים אַזוי שטורעמדיק,
זיינען געווען פאַר אים נישט מער, ווי אַ וויג,
וואָס וויגט זיך שטאַרקער אַהער און אַהין,
אָבער קיין ציל און קיין זין
איז סיי־ווי נישטאָ, —
נישט דאָ
און נישט דאָרט.
און ווידער דאָט זיך זיין וואָרט

אומגעטראָגן

ווי אַ וואַנדערער פון וועג אַרונטערגעשלאָגן,
ערגעצוואו,
ערגעצוואו, —
אַ וואו? —
אין לאַנד פון נישטדאָאיקייט,
אין לאַנד פון נישטאָאיקייט.
אין יענע טעג
איז ער אויף קיין שום וועג
נישט געווען,
נישט געזען,
נישט געהערט
דעם ברויז אויף דער אייגענער ערד.
ער איז ביסלעכווייז געוואָרן קרענקלעך, אינטעליגענטיש,
און עקסצענטריש,
און ווידער האָט זיך געשפּרייט איבער זיין פּנים דער גרים,
און אַלצדינג, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון אים,
איז געפאַלן גרוי, און שווער,
ווי די טריט פון אַ בער,
וואָס איז באַלאַדן מיט יאָרן.
מיט דער צייט איז ביסלעכווייז געוואָרן
דער גרים
איבער אים
אַזאַ מין סיסטעם,
וואָס האָט אויסגעקוקט צייטנווייז, ווי אַ וועלט־באַנעם.

נישט מער קיין אילוזיע, וואָס רייט
צו אים אין דער הויך
פון דער ווייט,
און צעגייט זיך, ווי רויך,
וואָס קיינמאָל נישט געווען,
קיינמאָל נישט געזען,
נאָר די שעה,
וואָס איז דאָ,

און נישטאָ.
דער מאָמענט,
וואָס ווערט באַלד פאַרלענדט,
און וועט באַלד נישט זיין.

די זון שיינט אַמאָל מיט אַביסל גילדענעם שיין,
האָט פיניע אויפגענומען אָט דעם שיין אויף זיין רוקן,
און די אויגן זיינע געלאָזט דערביי קוקן
אויף אָטאָ דעם שיין
מיטן זעלבן בליק, ווי ער האָט אין די אָונטן געקוקט אויפן וויין,
וואָס שיכורט מחיהדיק איין,
און לייזט אויף דעם גאַנצן איך
פון דעם היטל ביז די שיך.
אָוונטן האָבן אַמאָל אַ לבנה,
וואָס קוקט אויס, ווי דאָס פנים פון אַ נאַנע,
אָבער פיניע איז געווען צופרידן, וואָס נישט אַלע פרויען זיינען נאַנעס.
זיינען יענע טעג געגאַנגען פאַר אים, ווי צוקערדיקע באַנבאַנעס,
וואָס בשעת מען באַ׳טעמ׳ט זיי, זיינען זיי זיס,
אָבער דערנאָך ווערט פון זיי מיאוס
דאָס אייגן שטיקל לעבן.

און אַז פיניע האָט שפּעטער זיך ווידער אָנגעהויבן צו געבן
אַ חשבון פון זיינע דורכגעלעבטע נעכט און טעג,
האָט ער זיך צעבענקט נאָך אַ זעג,
וואָס זאָל אַלצדינג אָפּזעגן פון זיין זכרון.
פיניע איז ווי פּלוצלונג עלטער געוואָרן,
און דער חשבון
האָט געוויזן, אַז חשוון
איז נישט קיין ניסן.
— פיניע, זיי וויסן,
אַז טייכן פליסן
אויך נישט גלאַט אַזוי,
און די פרוי
איז נישט קיין שפּילצייג גלאַט אַזוי, —
האָט ער איינמאָל אויף זיך צעשריגן,

און דערבײ איז אויפֿן זין אים געקומען, אַז פֿון זיך קריגן
מיט זיך אַלײן,
דערפֿילט ער דעם קריץ פֿון זײַנע אײגענע צײן,
און יעדעס קריצעניש
איז ווי אַ האַסטיקער וויש
איבערן שטויב אויף זײַנע שויבן,
און פּלוצלונג זעט, עס האָבן אָנגעהויבן
צו פֿאַלן איבער אים ליכטיקע פּאַסן.
פּיניע אויף גאַסן
און סקווערן.
זײַנע אויגן הײבן אָן זען, זײַנע אויערן הערן,
און זײַן האַרץ באַנעמען הויבט אָן
דעם זין פֿון דער פּאַן,
וואָס שמעלצט די מאַסן
פֿון פֿעלקער און ראַסן
אין יובעל־געברויז.

איצט, אַז ער זיצט אַמאָל בײ זיך אין הויז
מיט זיך אַלײן, איז ער מער נישט אַלײן.
ער הערט דאָס גײן
פֿון טריט,
און אַ ליד
גײט אויף פֿון זײַן געמיט
צו זײ,
ווי נאָך אַ טראָט אין דער רײ.

און טרעפֿט אַמאָל, אַז זײַן בליק
הויבט אָן קוקן צום צוריק,
איז דאָס נישט פֿון בענקעניש,
נאָר עס איז, ווי אַ בלעטל פֿון אַ בוך אויף צוריק אַ מיש,
כּדי צו האַלטן גענויער דעם חשבון.
אַ שאָד, וואָס שוין נאָענט דער חשוון,
און שוין ווײט הינטער אים דער ניסן.

וואַסערן פליסן,
און מישן זיך צוגויף, —
אַט שטייט פאַר זיינע אויגן אויף
די צייט, ווען ער האָט געגומען די וועלט,
ווי דער פויגל נעמט פון דעם זומערדיקן פעלד
אַ קערנדל, און פליט
אַ זאַרגלאָזער אַוועק דערמיט,
זינגענדיק אַ ליד
פאַר דעם געפאַנג
פון דעם קאָרנזאַנג
צום הימל־בלוי.

איז ער דען נישט געווען אַט פונקט אַזוי?
פאַרוואָר, — עס האָט אויך דעמלט
זיין דהאַרץ זיך פאַר דעם צדיק העל צעפלעמלט,
און טונקל זיך צערויכערט פאַר דעם רשע,
אָבער דאָס לעבן איז נישט איבעריק געווען איים קשה.
—אַ מענטש איז, וואָס ער איז, —
איינער איז אַ קאַרליק, דער צווייטער איז אַ ריז,
ווי, וואָס עס איז וועמען באַשערט
צו זיין אויף אונדזער ערד, —
אַט אַזוי אַ פלעגט ער זאָגן,
און גוטמוטיק־רעזיגנירט געטראָגן
אויף די פּלייצעס זיינע דאָס ביסל לעבן.
ווינציק וואָס געגומען ,און נאָך ווינציקער געגעבן,
ביז געקומען איז דער טאָג פון חשבון.
אַ שאָד, וואָס אַזוי נאָענט דער חשוון,
און אַזוי ווייט שוין הינטער אים דער ניסן.

וואַסער פליסן און פליסן,
און מישן זיך ערגעצוואו צונויף, —
אַט טראַכט ער גאָר פון זיין שטעטל און דעם רבישן הויף,
וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט בלויע שטאַכעטן!
אפילו איצט דערפילט ער נישט איינמאָל דאָס גלעטן

פון חסידישע ניגונים אויף זיין געמיט,
און ווען ער דערפילט דאָס, ווערן גרינגער זיינע טריט
אויף די גאַסן פון שטיין און פון שטאָל.
ער דערהערט מיטאַמאָל
אפילו אין די בראַזגערייען
פון טראַמוואַיען,
און אין דעם ציקן פון די אויטאָמאָבילן,
דעם דבקותדיקן ניגון, דעם שטילן
ביי דעם רבינס אַ מלווה־מלכה.

פיניען דערמאָנט זיך דער געשטופלטער צאַלקע
מיט וועמען ער פלעגט זיך אין ניו־יאָרק אויף סקעפלדן וויגן.
אַז צאַלקע פלעגט דערהערן אַ טאָן פון אַ חסידישן ניגון,
פלעגט דאָס בערשטל אין זיין האַנט
אָנהויבן גלעטן די וואַנט
אַזוי ווייך, און אַזוי צערטלעך.
ער פלעגט אויף אַ וויל פאַרגעסן די ווערטלעך
מיט וועלכע ער פלעגט ביי דער אַרבעט זיך וואַרפן
מיט זיין צינגל, דעם שאַרפן,
און אויך זיינע רייד,
אַז עס גייט,
און אַז באַלד וועט זיך באַווייזן
דער מענטש פון אייזן
און פון שטאָל,
וואָס וועט אויסגלייכן דעם טאָל
מיטן באַרג,
און די וועלט וועט נישט זיין מער קיין מאַרק,
וואו מען קויפט
און פאַרקויפט
דעם אמת פאַרן ליגן.
אַז פיניע פלעגט אַמאָל אויפברומען אַ חסידישן ניגון,
פלעגט דאָס בערשטל אין צאַלקעס האַנט

זיך צערטלעך צעוויגן
איבער דער וואַנט,
וואָס מען האָט צוזאַמען געפּאַרבט.

איצט ווייסט עס שוין פּיניע, אַז דער היינט אַרבט
דאָס האָב און גוטס פונעם נעכטן,
און אַז די אוצרות פון היינט וועלן זיך פלעכטן
אין די טעג,
וואָס זיינען אויפן וועג
אַהער,
אָבער דעמלט האָט ער
זיך געחידושט,
וואָס געיידישט
איז אַזוי שטאַרק זיין ליד
אפילו, ווען עס איז צעגליט
מיט דער היץ פון ניויאָרקישן דזשאַז.
אָט האָט ער היינט אינמיטן אַ ניויאָרקישער גאַס
אין געדיכטן מענטשן געווימל
זיך מיטאַמאָל
צעזונגען אויפן קול:
„אַלף! בית! גימל!"
מיטן טאָן פון זיין ערשטן מלמד,
און מאָדנע — עס איז געוואָרן נאָך ווייכער פון סאַמעט
אונטער אים דער ניויאָרקער אַספאַלט.

פּיניע טראַכט, אַז אים וועט נישט זיין קאַלט
אויך אין זיינע חשוונדיקע טעג,
ווייל אויף זיין וועג
האָט ער זיך זעלטן צעשיידט
מיט דער ליכטיקער פרייד
פון זיין פאַרגאַנגענעם ניסן.

וואַסערן פליסן, און פליסן,
און לייזן זיך אַמאָל אויף,

נאָר ביי פּיניען זיינען, ווי מיט אַ שרויף,
די דורכגעלעבטע טעג
פון זיין דורכגעגאַנגענעם וועג
צענויפגעשרויפט.

דער זויפער זויפט
כדי זיך פון זיך אַליין צו באַפרייען,
נאָר פּיניעס מאַמע פלעגט אַ ברויטל אַנטלייען
פון אירע אַ שכנה
פאַר די קינדער אירע קליינע,
און דערמיט אויף די דאַרע פּלייצעס אַרויף
נאָך אַ שווערן חוב
זיך נעמען.
די לאָרעליי פלעגט זיך פאַרקעמען
מיט אַ גילדענע קאַם אירע לאָקן,
נאָר פּיניעס שוועסטערל פלעגט מיט אַ פּאָר בייוולענע זאָקן
זיך פרייען און אַזוי קינדיש קוועלן.
די פּריצישע שוועלן
פלעגן באַוואַכט זיין דורך הינט קודלעוואַטע,
אָבער אַז פּיניעס טאַטע
פלעגט אַמאָל וועלן
די טיר אויף אַ שלעסל פאַרמאַכן,
פלעגט זיך די מאַמע צעלאַכן,
און לאַכנדיק זאָגן:
— נו טאַקע, מען קאָן נאָך צעטראָגן
פון שטוב דעם דלות חלילה.

ווי קעצישע לאַפּקעלעך, וויכע, און שטילע,
שאַרן זיך אַמאָל אַריין צו אים טעג
פון זיין דורכגעגאַנגענעם וועג,
און אים דאַכט זיך, אַז אַלצדינג איז געשען ערשט נעכטן.

זיין מאַמע האָט געקאָנט די שענצטע קוילעטשן פלעכטן,
און איר געבלעטערטער קוגל געווען איז אויף חידוש,

הײנט זײן טאַטנס קול בײם פרײטיקצונאַכטיקן קידוש,
וואָס פלעגט זיך פאַרגײן מיט אַזעלכע חנדעלעך שײנע!
אַז ער דערמאָנט זיך װעגן דעם ברױטל, װאָס די מאַמע האָט
בײ דער שכנה
געבאָרגט, כדי דעם הונגער פון די קינדער צו שטילן,
טראַכט ער אױך װעגן די מילן,
װאָס האָבן הינטער דעם שטעטל שטענדיק קאָרן געמאָלן,
און דאָך איז בײ זײ אין שטוב נישט שטענדיק געװען צו באַצאָלן
דער מעל־קרעמערקע שיפרהלע אַבאַ׳ס
פאַר דער מעל פון פאַראַכטאָגיקן שבת.
פונדעסטװעגן האָט אפילו אױך דעמאָלט
בײ זײ אין שטוב מיט קדושה געפלעמלט, —
דעם טאַטנס קול בײ דעם קידוש
האָט שטענדיק געקלונגען נגידיש.

איצט שמײכלט פיניע פון דער אינטעליגענטישקײט,
און דער עקסצענטרישקײט
אין אים,
און אױך פון דעם גרים,
װאָס ער האָט אַ צײט אױף זײן פנים געטראָגן.
איצט האָט פיניע די קינצלערישקײט פון זײן װאָגן
לאַנג שױן פאַרלױרן,
די טראָלדן פון זײן װאָרט אַרומגעשױרן,
אַז עס זאָל זיך נישט דרײען גלאַט אַזױ,
װי אַ פלירטנדיקע פרױ,
אױפן קאָרק.

איצט איז ער אַ פּאַדעם אינעם געװעב נישט נאָר פון ניו־יאָרק,
נאָר ער איז באַזעלט
מיטן לעבן אױף דער װעלט.
איר פרײד איז איצט זײנע,
װי געװען איז די פרײד פון אוקראַינע
אױך זײנע,
כאָטש דעמלט, װי הײנט
איז די זון נישט שטענדיק צעשײנט

איבער זײַן הימל.
דעם „אלף, בית, גימל"
האָט דער געווימל
אויף דער אַמעריקאַנישער ערד
נישט פאַרצערט
פון זײַן געמיט.
זײַנע טריט
גיבן זיך נישט אונטער די שווערסטע געוויכטער, —
זיי שפּאַנען מונטערע מיט דער מאָסע געדיכטער,
וואָס דראָעט דעם פּויסט און פאַדערט אַ חשבון.

אַ שאָד, וואָס אַזוי נאָענט דער חשוון,
און אַזוי ווײַט שוין הינטער אים דער ניסן.
וואַסערן פליסן, און פליסן,
און ווער זאָגט, אַז זיי לייזן זיך אויף
אין זייער געלויף?
אין זייער געיעג
אויפן וועג
צו אַ ברעג
מישן זיי זיך בלויז צוזאַמען.
פון טײַכן און טייכן צו ים׳ען,
און דערנאָך אויף צוריק אין דעם זעלבן געיעג
דורך נעכט און דורך טעג.
ווי שלידים אין וועג
צו מאָנען,
דערמאָנען
דעם חשבון.

ווער חשוון!
וואָס חשוון!
כל־זמן וואַסערן פליסן,
איז אייביקער ניסן
אין דעם געמיט.
און פאַלט אַ רעגן
אַמאָל אויף די וועגן,

גייען די טריט
אים עקשנותדיק אַנטקעגן
סיי־ווי.
איצט איז ניסנדיקער גלי
אינעם לעבן פאַר פּיניען.
ווי דאָס קול פון זיין טאַטן ביים קאַארישן מנין,
גייט זיינס איצט אויך אויף
אַרויף,
אַרויף
צווישן די מאַסן
אויף גאַסן,
און סקווערן.

— מיר הערן!
— מיר הערן! —
זאָגן אויף זייגערס די ווייזער.
— מיר הערן!
— מיר הערן! —
זאָגן פאַרוואָרלאָזטע הייזער,
זאָגן רוקנס באַלאַסטעטע,
העמדלעך צעכראַסטעטע,
אָרעמס געבונדענע,
אויגן צעצונדענע,
קולות פאַרמאַטערטע,
פּאָנעץ צעפלאַטערטע.
— מיר הערן!
— מיר הערן! —
זאָגן גאַסן און סקווערן,
זאָגן טייכן און בריקן,
שעפער און פאַבריקן, —
דער מענטש אין שטוב,
אין דער קוילן־גרוב,
און דער מענטש אין פעלד.

פּיניעס קול איז איצט צעד־העלט,
ווי אַ גליאיקער פלאַקער,
און ווי אַ גלאַנציקער אַקער
שניידט עס איצט פּאַסן
נאָך פּאַסן
אויף ניויאָרקישע גאַסן
און סקווערן.

— מיר הערן!
— מיר הערן! —
און אַ דערהערטער,
פילט זיך פּיניע אַ דערנערטער
פון דעם הילכיקן רעזאָנאַנס.
ער ציט אונטער באַלאַנס
נאָך באַלאַנס,
און עס איז דאָ, וואָס אונטערצוציען.

די שעה'ן ראַשיקע גליען,
ווי איבער זיי דאָס ליכט פון נר־תמיד,
און ער אַליין, ווי אין שול ביי דעם עמוד,
זיין טאַטע, זיין זיידע,
אין נאָמען פון אַן עדה.
נישט מער, בשעת יענע האָבן בלויז בעטן געקאָנט,
איז ער דער מאָנער, וואָס מאָנט,
איז דערפאַר זיין קול ראַשיקער און העכער.

און עס הערן די דעכער,
און עס הערן די קעלערס,
און אַ העלערס,
אַ ליכטיקערס,
אַ ציכטיקערס,
ווערט
דערהערט
פון מאָל

צו מאָל
זיין קול.
און
די זון
שיינט
אויך היינט
פאַר אים אַזאַ צעהעלטע,
און אַזאַ צעקוועלטע,
ווי אין ניסן.

וואַסערן פליסן און פליסן, —
זיי לייזן זיך נישט אויף
אין זייער געלויף,
נאָר מישן אויף אַ ווייל זיך צוזאַמען.
פון טייכן צו ים'ען,
און דערנאָך אויף צוריק אין געיעג
דורך נעכט און טעג,
ווי שלוחים אויפן וועג
צו מאַנען,
דערמאָנען
דעם חשבון.

ווער חשוון!
וואָס חשוון! —
עס איז אייביקער ניסן,
און פיניע וויל וויסן
אַ חשבון!

פון פּיניעס אונטערוועגנס

ווען פּיניע איז אַרויס אונטערוועגנס
מיט זיין ביסל פאַרמעגנס
איבער זיין שולטער,
האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ מענטש אין אַ מולטער
איבער אַ ים אַ צעברויזטן.
דאָס לעבן האָט מיט די פויסטן
אין אייגענעם קאָפּ זיך געשלאָגן,
און ווינטן האָבן געטראָגן
אין דער לופטן וואָרצלען, און דעכער.

עס איז געווען, ווי אָט באַלד, און קיין זכר
וועט ניט בלייבן פון קיינעמס פאַרמעגנס
אויף דער ערד.
— דאָס לעבן איז איצט אונטערוועגנס —
האָט ער פּלוצלונג דערהערט.
און באַלד נאָכאַמאָל,
און נאָכאַמאָל
דאָס אייגענע קול:
— דאָס לעבן אונטערוועגנס!
— פאַרמעגנס,
איז אויך אונטערוועגנס, —
עס מוז ווערן אַלעמענס אייגנס!

און דעמאָלט האָט פּיניע דערהערט,
ווי קולות אַלערליי איבער דער ערד
האָבן זיך גענומען צעשרייען.
צום אַלעם ערשטן האָט ער זיך פאַרטאַיען
פּרובירט,
ווייל נישט גערירט
האָבן אים די געשרייען.
אפילו, ווען עס האָבן זיך גענומען צעווייען
די פאָנען,

איז אים אַ צייט געווען שווער צו דערקאָנען,
וואָס איז וואָס, און ווער איז ווער.
זיין געהער
איז אַ צייט אַ פאַרטויבטער געווען.
אָבער פּלוצלונג, ווי עס וואָלט געשען
מיט אים עפּעס אַ וואונדער, —
האָט ער אָנגעהויבן צו הערן יעדעס קול באַזונדער,
און ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען וועלכס עס פּירט,
און וועלכס עס פאַרפירט,
אָבער אויך דאָס פאַרפירנדיקע קול
האָט אים געהאַלטן אַ צייט, ווי אָרעמס פון שטאָל,
און שווער איז געווען זיך דערפון צו באַפרייען.

זיין מאַמע פלעגט איבערזאָגן
די מילך פון דער קו פון איין שעפל אין אַנדערן,
און ער האָט אין זיין וואַנדערן
זיינע געדאַנקען געזאָגט.
קליין און נישטיק האָט אין יענער צייט
אויסגעקוקט פאַר אים זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגנס,
און ער האָט אין זיין אונטערוועגנס
געזוכט עפּעס ניים.
זיין לעבן, — אַ פּלוצלונגדיקער איבעררייס
אינמיטן אַ וויכוח, אַ צעברויזטן,
וואָס איז באַגלייט געווען מיט קלאַפּעריי פון פויסטן
איבער אַלערליי טישן.
וועגן היגטער אים, אַנדערע פאַראויס, און ער צווישן
מיט גליעדיקן פרעגצייכן אין בליק.
פאַרקערעווען צוריק?
האָט דאָס דורכגעלעבטע לעבן
אים מער נישט וואָס צו געבן,
און האָט ער שוין דערפון מער גאָרנישט, וואָס צו נעמען?

פּיניען האָט זיך דערמאָנט אַן אָוונט אין בן־שמן, —
צעריבענע פּאָמאַדאָרן און זויער־קרויט

פאַר אַוונט־ברויט,
אָבער אין דרויסן איז אַ בלויער הימל, און שטערן, ווי די ניס.
דבורה מיט באַרוועסדיקע פיס
טרעט מיט זיכערע און פעסטע טריט,
און ער מיט אויפגעלויכטענעם געמיט,
טרעט נאָך איר.
די אָוונט־בלויקייט טוט אַ ריר
זיין בלוט,
און אים ווערט גוט
צו ווײַנען אַזש.
דער אָוונט האָט אויסגעקוקט, ווי אַ וואונדערלעכער אימאַזש
אין אַ שורה פון אַ ליד,
און דבורה׳ס טריט, —
זיכערע און פעסטע.
אַ ווינטל האָט געבראַכט דעם ריח פון ווײַנטרויבן געפּרעסטע,
און שפּעטער אויף אַ שטיין זיין קאָפּ אין דבורהס שטאַרקע הענט.

אָ, דעמלט האָט ער געפילט זיך, ווי אַ ציגל אויף אַ פונדאַמענט,
וואָס אויסגעהאַקט איז פון גראַניט,
און דעמלט איז פון זיין געמיט
אויפגעגאַנגען אַ זינגעוודיק ליד
פון היים און רו.
ערגעצוואו
האָט פון אַ שטאַל אַ מרוק געטאָן אַ קו.
— עס איז די גמלע, — האָט דבורה שטיל צו זיך גערעדט,
און דערביי זיין קאָפּ געגלעט,
ווי זי וואָלט געגלעט אויף דער קו, די פעל.
יענער אָוונט איז ליב און העל
אין אים געבליבן,
איז פאַרוואָס זשע האָט עס אים פון דאָרט געטריבן?

און אָט דערמאָנט ער זיך, — אין רמלה אויף דער וואַכט.
געווען איז דעמאָלט אַ חושכדיקע נאַכט,
און ער, — דעם קין אויף קאַלטן שטאָל פון באַיאָנעט.
יענע נאַכט האָט צו אים גערעדט
מיט חומשדיקע רייד,
נאָר ווען געטאָן האָט זיך אַ צעשפּרייט
דער ליכטיקער קאַיאָר,
ד'האָט זיך אַנטפּלעקט די וואָר,
אַ גרויע און אַ נאַקעטע, ווי עס זיינען די יהודה־בערג.
אַזוי ווי אַ זייגער מיט אַ קאַליעדיק געווערק,
וואָס כריפּעט נאָך,
נאָר וויזט שוין ניט די צייט,
האָט דאָס לעבן זיך געשלעפּט אין שווערער יאָך,
און דעמלט איז דאָס חומש־וואָרט געוואָרן אַזוי ווייט
פון פּיניעס לירישן געמיט.
די זון האָט זיך צעגליט
אויף הורבעס
פון טויזנט־יאָרעדיקע חורבות,
וואָס האָבן זיך געהויבן אים אַנטקעגן, ווי וואונדן אויפגעדעקטע.
די גאַנצע ערד געווען איז אַ באַפּלעקטע
מיט סימנים פון אַמאָל.

— יעקבס קול,
און עשיו'ס הענט! —
פּיניעס האַרץ ווערט אויפגעברענט.
— אָפּגענומען איז דאָס לאַנד פון טערק,
ווען ענגלאַנדס מערק
זיך איצט פאַרמערן.
נאָך אַ פאָלק וועט איצט זיך לאָזן שערן,
ווי די שאָף, די וואָל פון זיך.
אַ בייזער מלאך האָט פאַרוואונדעט יעקבס דיך,
הינקט ער איצט אויף אַלע וועגן פון דער ערד,
און ווערט גענערט
פון בזיון און רחמנות.

און דער אײגענער עקשנות,
וואָס האַלט אים אױף נאָך, װי נישט איז.
הינקענדיקע פּיס,
אָבער הינקענדיק,
פאַרוואָרפט ער בריק נאָך בריק
פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט.
און כאָטש דער פונדאַמענט
אונטער יעדער בריק איז פאָוועטיניע,
האָט דאָך זײן אײניקל, דער דיכטער פּיניע,
אַזױ פיל בריקן דורכגעשפּאַנט.
אָט איז ער איצט אָט דאָ אין לאַנד
מיט אַ ביקס אין האַנט!
נישט מער, — אײגן איז אים דאָ בלויז דאָס שטיקל וואַנט, —
דער סימן פון אַמאָל.

— יעקבס קול? —
אַמאַרס מעטשעט
איז דאָ צערעדט
פון פרי ביז שפּעט
מיט קולות פון מאַכמעד.
און יעזוס רעדט דאָ אױך דורך קלויסטער־קלאַנגען
און נאָבישע געזאַנגען.

יעקבס קול? —
בײנאַכט האָט ער געהערט אױפגײן פונעם טאָל
אַ שטיל געוויין,
האָט פּיניע זיך געטראַכט,
אַז ערגעצוואו דאָ נאָענט, אין דער פינצטערניש פון נאַכט,
זיצט די מאַמע רחל אױף אַ שטײן,
צי גאָר אױף דער הוילער ערד,
און וויינט דערפאַר, ווײל יעקבס קול ווערט דערהערט
אויף אַלע טײלן פון דער ערד
פיל מער ווי דאָ.

אין יענער שעה
האָט פאַר פּיניען זיך צעהעלט
די גאַנצע גרויסע וועלט,
וואו יעקבס קינדער לאָזן צייכנס מיט די טריט.
זיין האַרץ האָט אויפגעגליט
צו יעקבס קול,
וואָס הערט זיך היינט אין האַמערן אויף שטאָל,
אין האַקן שטיינער פאַר אַ פונדאַמענט,
אין קלאַפּן טשוועקעס איבער ווענט
אין רעדערדיק־געדריי,
אין נאָדלדיק־געניי,
אין פיר פון אַקער איבער ערד,
און אין אַלצדינג, וואָס מערט, פאַרמערט
דאָס האָב און גוטס אויף גאָרער וועלט פאַר אונדזער לעבן.

אין יענער נאַכט האָט פּיניע אַ מתנה זיך געגעבן
דאָס קול פון דער יידישער האַרעוואַניע איבער דער גאָרער ערד,
וואָס ער האָט אַזוי קלאָר דערהערט
צוזאַמען מיט די קולות פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט.
און דעמאָלט האָט זיך צעהעלט
דאָס עפּעס נייס, וואָס אומגעזוכט האָט ער אין זיין וואַנדער
אונטערוועגנס.
עס איז געווען דאָס האָב און גוטס, דאָס גרויס פאַרמעגנס
פון דער גאַנצער וועלט,
וואָס האָט פּלוצלונג אויפגעהעלט
אין זיין געמיט.
דעמלט האָט זיין ליד
נאָך אַ טאָן געקראָגן.
עס האָט אויפגעהערט בלויז וויגן,
און פאַרוויגן.
ווי די פּלייט, און ווי די האַרף,
נאָר אויך אָנגעהויבן שלאָגן,
ווען מען דאַרף.

יענע נאַכט

האָט פּיניע אַזוי געטראַכט:
— צעזייט,
צעשפּרייט,
אין לייד, און פרייד
איז זיין פאָלק אויף אַלע וועגן,
ביי אַלע ברעגן, —
וועט ער שפּאַנען דעם אַנטקעגן
אויף יעדן אָרט,
וואו זיין אויפגעלויכטן וואָרט
איז נויטיק,
ווי זייף פאַר וועש, וואָס קויטיק.

ווי לאַנג איז שוין אַן יענער נאַכט?
נישט איינמאָל כאַפּט זיך פּיניע, אַז ער טראַכט
אויך איצט פון איר.
זי איז געוועזן דער ערשטער טיפער ריר
אין זיין לירישן געמיט,
ער פילט זי אין זיין ליד
אויך איצט,
זי האָט זיך איינגעקריצט
אין אים נישט אָפּגעמעקט צו ווערן,
ער פילט זי אין זיין זען, און אין זיין הערן,
און אויך אין זיין באַנעמען.

שווערע שטורעמס קעמען
איצט די ערד, —
ער זעט און הערט,
און ער באַנעמט.
ער איז נישט מער שוין אין דער פרעמד,
און אויך נישט אונטערוועגנס.
ער איז אַ טייל אין דעם פאַרמעגנס

אויף דער גאָרער ערד,
וואָס געהערט
צו אַלעמען, וואָס פלעגן זי
מיט ליבשאַפט און מיט מי,
און טרעפט זיך — איינער וויל
די גאַנצע מעל פון מיל,
דעם גאַנצן ווייץ,
דעם גאַנצן שייך,
איז ער פּאַר פּיניען די וואונד אין אונדזער איינגעווייד,
איז ער די וויסטע וואַנט, וואָס שטייט
אינמיטן וועג, און פאַרשטעלט
דאָס ליכט אויף אונדזער וועלט.

פיניע רעדט אויף אַ גאַסן־פאַרזאַמלונג

אַ חבר האָט געבראַכט אַ קעסטל פון שפּייזגעוועלב דערלעבן.
אַ ווייל ד'האָט פיניע זיך נאָכאַמאָל דערפילט אינעם לעבן,
ווי אַ פרעמדער,
אָבער מענטשן אין צעכראַסטעטע העמדער
זיינען געקומען פון די נאָענטע הייזער פאַרשטויבטע,
און אויפגעהויבן צו אים די אויגן באַגלויבטע,
ווי נישט צו קיין פרעמדן.

פיניען האָט זיך דערמאָנט וואָלט וויטמאַן, דער דיכטער פון קעמדן,
וואָס איז אין פאָלק אומגעגאַנגען
מיט זיין באָרד, די צעווייטע,
און זיינע העלע געזאַנגען,
דערפרייטע
אויף פשוטן לשון.

די זון אינעם געסל האָט שווער זיך געלאָשן.
זי האָט דערמאָנט מיט איר בענקענדיקן גלי אָן אַ מאַמען,
וואָס טרייסט אירע קינדער, אַז זי וועט זיך נישט זאַמען
אויפן וועג,
וואוהין זי לאָזט זיך אַוועק.

שפּעטער, ווען די זון איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן,
האָט די עוועניו דערביי זיך צעצונדן
מיט קאָליריקע אויגן,
און די הייזער אין די אָרומיקע געסלעך האָבן אויסגעקוקט, ווי סטויגן
פאַרגעסענע אויף פעלדער פאַרלאָזענע.
קינדער, ווי בלעטלעך צעבלאָזענע, —
פאַרגעלט און פאַרדאַרט,
האָבן זיך געשאַרט
איבער דעם אַספאַלט,
און אין דער הויך האָט אויפגעשטראַלט
אַן אויסגעבלייכטע די לבנה,
ווי דאָס פנים פון אַ פרימאַדאָנע,

וואָס קלויבט זיך צו פאַרציען אַ זייער טראַגישן טאָן,
און פיניע האָט זיך דערפילט, ווי אַ צעפלאַטערטע פאָן,
וואָס רופט און זאָגט אָן
צו אים, און צו איר, און צו יענעם.

דער אָוונט איז געווען הייס, ווי א גיהנום,
נישט נאָר פון דער היץ אינעם געסל,
וואָס האָט געשטיקט, ווי דער פלאַם פון אַ סמאָלענדיק פעסל,
נאָר אויך פונעם פייער, וואָס האָט אין פיניעס האַרץ אויפגעפלאַקערט:
— די האַנט, וואָס אַקערט,
און זייט, —
בלויז איר קומט די פרייד
ביי דעם שניט, —
פיניעס וואָרט האָט געגליט,
און געבריט,
און געצונדן,
ווי אַלקאָהאָל אויף וואונדן.

— די ערד גיט מיט ליבשאַפט דעם ווייץ, און דעם קאָרן
און מענטש גיט דעם צאָרן,
און מענטש גיט די שנאה! —

מיט אַ טראַגישער מינע,
ווי אַ באַליידיקטע פרימאַדאָנע,
געקוקט האָט די לבנה
פון אויבן.
זאָל זי דאָס גלויבן,
אַז פּאָעטן,
וואָס האָבן געשריבן סאָנעטן
בלויז צו אירע זילבערנע שטראַלן,
זאָלן אַזוי נידעריק פאַלן,
און רעדן אַזעלכע פּראָזאאישע רייד צו מאַסן
אויף פאַרוואָרלאָזטע גאַסן?

אָבער נישט קיין געפאַלענער האָט זיך פיניע געפילט, —
זיין וואָרט האָט געצילט,
און זיין וואָרט האָט געטראָפן.

— אויף אַ שטיין אין דעם מדבר איז דער נזיר געשלאָפן,
און נישט געהערט
דאָס געוויין פון דער ערד,
נישט געזען די שטעט אָנגעצונדענע,
און די מענטשן מיט די וואונדן נישט פאַרבונדענע,
וואָס פאַלן,
ווי שטראַלן,
און ווערן פאַרלאָשן.

— אַ הויכער איז געווען דער מלך פון בשן,
און גלית געווען איז אַ גיבור, —
דעריבער
איז וואָס ?

— נידעריק דאָס גראָז,
פיל העכער די בוים,
נאָר העכער פון זיי איז דער רוים,
און דער מענטשל־עכער טרוים,
וואָס איז קוים
צו דערלאַנגען.

די לבנה איז הינטער אַ וואָלקן פאַרגאַנגען,
ווי זי וואָלט זיך דאָס פנים פאַרדעקט.
עס האָט איר קיין כח שוין מער ניט געקלעקט
פיניעס ווערטער צו דער מאָסע צו הערן,
און פיניע וואָלט געקאָנט שווערן,
אַז די לבנה האָט געלאָזט אַ פּאָר טרערן,
ווארים דער וואָלקן האָט פלוצלונג אָנגעהויבן רעגענען.

פון דעמאָלט אָן איז פיניען זיך שווער צו באַגעגענען
מיט דער לבנהס פנים, דאָס בלאַסע.
ער קאָן שווערן,
אַז אירע אויגן זיינען נאָך נאַסע
פון די דעמלטיקע טרערן.
אָבער נישט קיין סכנה, —
פיניע איז אַ דיכטער אויך אָן דער לבנה.

פיניע רעדט אַמאָל צו זיך אַזוי

פיניע רעדט אַמאָל אַזוי צו זיך
— איינער שפּאַנט מיט זיינע שיך,
אַ צווייטער מיט די טריט,
אַ דריטער מיט זיין גאַנץ געמיט,
ווייל עס ציט
אים עפּעס צו.

פיניע בענקט נאָך רו, —
אַמאָל האָט ער געזוכט זי אין ערגעצוואו,
וואָס געפינט זיך ווייט פון דאַנען,
נישט צוצוקומען מיט קיין באַנען,
און אפילו מיט קיין עראָפּלאַנען.

— אַוואו ?
— ערגעצוואו !
נישט קיין אָרט,
נאָר גלאַט אַ וואָרט
אָן אַ מיין, —
אָט זאָל עס שטיין.

איצט ווייסט פיניע, אַז לעכערדיקע ערטער,
קאָן מען ניט פאַרשטאָפּן מיט קיין ווערטער,
וואָס קומען גלאַט אַזוי אַרויס פון מויל,
ווייל מען איז פויל
זיך צו דעם אמתדיקן וואָרט דערטראַכטן.

— גילדענע פאַרנאַכטן
פול מיט רו און פרייד
ליגן אויסגעשפּרייט
ערגעצוואו, —
אַוואו ?

— זינגעװודיקע טעג
זײַנען אויף אַ װעג
ערגעצװאו, —
אַװאו?
אויף װעלכן אָרט?

פֿאַר פּיניען איז איצט נאָר דאָס װאָרט,
װאָס ברענגט מיט אַן אַדרעס.
אַ מענטש דאַרף האָבן ברויט מיט קעז,
גרעזלעך דאַרף די קו,
האָבער און הײ דאַרף האָבן דאָס פֿערד, —
ערגעצװאו?
נײן, נישט ערגעצװאו,
נאָר דאָ אויף אונדזער ערד,
װאָס האָט פֿאַר אַלעמען געזאָרגט.
נאָר װאָס זשע דען? —
אײנער זשליאָקעט אויס פֿון קרוג
דעם גאַנצן װײַן
פֿאַר צען,
און די איבעריקע נײַן
פֿאַלן דורשטיקע אַװעק,
װײַל נישט געבליבן איז פֿאַר זײ קײן לעק.

אײנער פֿרעסט פֿון פֿולן שעפֿל,
אַ צװײטער האָט בלויז מיטן לעפֿל,
און דער דריטער גײט פֿון הונגער גאָר אײנגאַנצן אויס, —
עס איז אַ מוראדיקער בלויז
אין אונדזער װאָר,
װאָס אַלע זעען אים אויף קלאָר.

אײנער זעט, און איז אַפּאַטיש,
אַ צװײטער װערט דראַמאַטיש,
און דרשנט אָפּ פֿון צײַט צו צײַט אַ מאָנאָלאָג
צו די קנעפּלעך פֿון זײַן ראָק,

צו דיינע שיך,
צו זיך,
וואָס פירט צו גאָרנישט־נישט.

געבענטשט זאָל זיין די האַנט, וואָס ווישט
דעם שטויב אויס פון די שויבן! —
פּיניע קוקט — אַ סטייע טויבן
שוועבט הויך און העכער
איבער דעכער,
און האַלטן זיך צוזאַמען,
ווי גוטע קינדער פון איין טאַטע־מאַמען.
פאַרנאַכט איז איצט. די זון לאָזט גילדיק זיך אַרונטער,
און אָט לאָזן זיך אַרונטער, אַזוי מונטער
אויך די טויבן,
און נעמען מיט די פּיסקלעך קלויבן
די ברעקלעך אויפן סקוועד,
וואָס אַ גוטע אַלטעטשקע ברענגט יעדן טאָג אַהער
אין דער זעלבער צייט.
אַ יינגעלע לויפט אָן פאַרשייט, —
עס יאָגט זיך נאָך אַ רייפל נאָך.
די שטאָט איז איצט אין ברויזנדיקן קאָך,
די טראַפיק־ליכט איז גרין,
און אויטאָס איילן זיך אַהער און הין,
שלינגענדיק דעם סקוועד אויף גיך,
און פּיניע קוקט, אָבער פּלוצלונג כאַפּט ער זיך:
— דאָס יינגעלע, דאָס יינגעלע, וואו איז?

יענעם אָוונט האָט פּיניע באַטראַכט אַ צייכנונג פון מאַטיס, —
אַזוי פיל רו און אַזוי פיל פרייד
האָט זיך פון איר געשפּרייט, —
פאַרוואָס זשע האָט געקנייטשט אין פּיניען זיך די רו?
— דאָס יינגעלע, דאָס יינגעלע איז וואו? —
האָט פּיניע זיך געפרעגט.

דער אומרו פונעם זייגער האָט זיך שטיל באַוועגט,
נאָר אין פּיניעס האַרץ איז דער אומרו שלאַגיקער געווען.
— איז מעגלעך, אַז נישט געזען
האָט דער וואונדערלעכער מאַטיס
אַזאַ מין בילד אין זיין פּאַריז?
דאָס טראַפיק ליכט געווען איז גרין,
די אויטאָס הער און הין,
שלינגענדיק דעם סקווער גיך, גיך
אונטער זיך:
— מאַטיס! מאַטיס!
דאָס יינגעלע, וואו איז?

און נישט דאָס יינגעלע דאָך בלויז, —
פּיניע זעט אַ מאַמען אין אַ פּאַרוואָרלאָזט הויז,
די הענט פאַרבראָכן שטאַר, און שטיל.
שפּעט די שעה,
צוויי קינדער זיינען איינגעשלאָפן אויפן דיל,
און דאָס דריטס איז נאָך נישטאָ:
— מאַטיס! מאַטיס!
דאָס יינגעלע, וואו איז?

פּיניע ד'האָט יענע נאַכט
קיין אויג נישט צוגעמאַכט.
ער איז געלעגן אויפן בעט מיט אויגן אָפענע.
טעג שוין לאַנג אַנטלאָפענע
זיינען געקומען אויף צוריק,
און מיטגעשלעפּט אויף שטריק
נעכט פאַרשוואונדענע,
געבונדענע.

אַ קאַפע־הייזל. נאַכט, און שפּעט.
ער זיצט מיט נחום דרימלער, — אַ מאָדערניסטישער פּאָעט.
די לופט אין סיגאַרעטן־רויך איז איינגעוויקלט,
און נחום דרימלער מיט אַ קולכל צעציקלט,

וואָס איז זיס, ווי שאָקאָלאַדע,
לייענט אַ טיראַדע,
וואָס אמתע פּאָעזיע באַדאַרף צו זיין.

— די רויטקייט פונעם גלעזל־ווייַן,
וואָס שטייט איצט אויף מיין טיש,
דער רויך געמיש
פון דיינע און מיינע סיגאַרעטלעך, —
דאָס איז געטלעך, —
דאָס ביסטו, און איך.
— געבן זיך
דורך אייגענעם געמיט, —
מעג דאָס זיין אפילו געניץ,
איז ליד.
אַלצדינג, וואָס איז אויסער גרענעץ
פון דעם פּערזענלעך לעבן,
מיינט גאָרנישט נישט געגעבן, —
מיינט גלאַט אַזוי גערעדט, —
דער איז גאָרנישט קיין פּאָעט.

— נו, און צרות יידישע ?
— דאָס איז פאַר צייטונגען יאַרידישע.
— נו, און אַרמייען
אין טראַנשייען ?
— זאָלן זיי זיך דאָרט די קעפּ פאַרדרייען !
— און קאַמף צווישן קלאַסן ?
— דאָס איז פאַר דעם בעל־דרשן אויף די גאַסן
פאַר די מאַסן, —
האָט נחום בייז אַ לאָז געטאָן דעם סיגאַרעט־רויך
פון זיינע דינע ליפּן אין דער הויך :
— כל־זמן דער פּגר ליגט נישט ביי דיין טיר,
מיינט ער גאָרנישט נישט פאַר דיר.

פיניע דערמאָנט זיך, ווי טשיקאַווע
עס האָט אויסגעקוקט דאָס קוטשעראַווע
מיידל מיט דעם פאַרריסן נעזל, —
זי האָט אַלע ווייל אַ הויב געטאָן דאָס גלעזל
מיט התלהבות אין דער הויך:
— אָט אַ מוח!
—אונדזער נחום איז אַ גדול!

פיניע טראַכט, אַז אַ שאָד, וואָס אָט אַזאַ, ווי האָדל,
איז דערביי נישט געווען.
דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נישט געזען
זיין האָדלען שוין איבער אַ וואָך.
— טאָמער איז איר דער יאָך
אינעם אייגענעם שאַפּ
נאָך קנאַפּ,
וואו זי זיצט אָפּ אירע טעג, ווי אַ פויגל אין שטייג,
איז איר איצט צוגעקומען דער סטרייק
אין איר פאַך, וואָס די אַרבעטער מוזן געווינען!
און וואָס הערט זיך מיט היטלערן, און מוסאָלינען?
און מיט די יאַפּאַנעזישע רוצחים אין כינע?
— הער זשע מיך אויס, מיין ליבער פיניע,
דיין ליד וועגן „באַרוועסן״, איז ווי זאָל איך דיר זאָגן?
— אונדזערע זיידעס האָבן הושענא׳ס געשלאָגן,
און דער מאָרגן איז אינעם נעכטן געבליבן געראָטן,
נאָר מיר, די „באַרוועסע״, זיינען ווי דער ים צעזאָטן!
מיר ברויזן, ווייל אונטער אונדז איז דער כוח פון טיפן.
נישט ווערטער בלויז אַנדערע, נאָר נייע באַגריפן
שלאָגן מיר, ווי די האַמערס איבער טשוועקעס אין דעם לעבן אַריין!

פיניע דערמאָנט זיך אָן דעם גליאיקן שיין,
וואָס איז דעמלט פון איר אויפגעגאַנגען,
און אַז זי איז פון אים אַוועקגעגאַנגען,
איז דאָס געווען, ווי דאָס ליכט פון דער זון וואָלט זיך אָפּגעטאָן.
— אַזאַ, ווי האָדל, איז דיר נישט קיין קאָן

אין אַ שפּיל, —
מיט אַזאַ, ווי זי, איז גאַנג צום ציל, —
האָבן זיינע געדאַנקען אים ווייטער געפירט.
און עס איז געווען, ווי ער וואָלט אַנגערירט
געוואָרן פון גאַר אַ ניי מין ליכט.
נישט אומגעריכט,
נאָר בהדרגהדיק.
עס איז געווען, ווי איבער יעדן אָפּגרונט האָט אַ בריק
זיך אויסגעצויגן.
יעדער מדבר איז פאַר זיינע אויגן,
ווי דורך אַ כישוף,
געוואָרן ישוב.

עס איז געווען,
ווי זיינע אויגן וואָלטן אָנגעהויבן קלאָרער זען,
און שאַרפער האָבן אָנגעהויבן צו הערן זיינע אויערן.
שווערע טויערן
פון שטאָל געגאָסענע
אויף שלעסער פאַרשלאָסענע
האָבן פאַנאַנדערפראַלן זיך גענומען.
פלוצלונג האָבן שיפן אָנגעהויבן קומען
אָנגעלאָדענע צו זיינע ברעגן,
און ער איז זיי אַנטקעגן
געגאַנגען מיט גאָר אַ נייעם טראָט.
עס איז געווען נישט מער אויף גאָטס באַראָט,
וואוהין די טריט זיך לאָזן,
וואוהין די ווינטן בלאָזן,
נאָר אויף אַ וועג, אַן אָנגעצייכנטן, אַ קלאָרן.

אין פּיניעס זכרון
גייען דורך יענע טעג און נעכט,
ווען אַזאַ רוישנדיק געפּעכט
איז אַנגעגאַנגען אין זיין בלוט.
אָט איז אַ נאַכט, וואָס איז געפאַלן, ווי אַ רוט

אויף זײַן רוקן דעמלט,
און אָט איז אַ טאָג, וואָס האָט אויפגעפּלעמלט
מיט אַזאַ לויטער ליכט,
ווי אַ זינגעוודיק ליד,
אומגעריכט
אין זײַן געמיט.

פּיניע מישט יענע נעכט און טעג, ווי מען מישט אויף צוריק
בלעטלעך פון אַ בוך, וואָס געבן געניוס און גליק,
כדי זיי נאָכאַמאָל דורכצוזעבן.
נישט וואָס דער איצט האָט אים שוין נישט וואָס צו געבן,
און ער דאַרף דערפאַר צום נעכטן זיך ווענדן.
די טעג, די איצטיקע שפּאַנען פאַר אים מיט אָנגעגורטע לענדן
ראַשיקע און גרייטע,
יובעלדיקע ,דערפרייטע,
נאָר וואָס זשע דען? — פון וועגן ברייטע
האָט ליב אַמאָל דער בליק
זיך אומקוקן אויף צוריק
צו דעם סטעזשקעלע, דעם ערשטן.

אויך איצט איז נישט צעבליט אומעטום בלויז גערשטן,
ווייץ און קוקורוזע, בעבלעך און קאָרן .
די פּיס צעבלוטיקן זיך נאָך דאָ און דאָרטן אָן אַ דאָרן,
אָן אַ שאַרפן,
זײַנע הענט און פּיס דאַרפן
אויך איצט זײַען און צעטרעטן.
עס זײַנען אויך איצט טעג פון ראַשיקע געוועטן
צווישן סמ'ענדיקע דערנער,
און וויטאַמינענדיקע קערנער,
נאָר וואָס זשע דען? —
זײַנע אויגן זען,
און עס דהערן זײַנע אויערן.

עס איז, ווי עס האָבן זיך צעעפנט אַלע טויערן\
פאַר אים פון דער ברייטער, גרויסער וועלט.\
ער ווייסט איצט, וואָס עס איז מיט זון באַהעלט,\
און וואָס עס איז אין שוואַרצן איינגעהילט.\
ער זעט דעם טראָט, וואָס צילט.\
ער זעט דעם מאַרק,\
דעם באַרג,\
דעם טאָל.\
ער הערט\
איצט יעדעס קול,\
וואָס גייט אויף אויף דער ערד,\
און זיין געהער\
ווייסט איצט וואָס איז וואָס, און ווער איז ווער.

האָדל, וואָס איז ווייב און חבר אים געוואָרן,\
איז אויף אַ לאַסטוואָגן פאַרבייגעפאָרן,\
און אים פון אונטערוועגנס אויפגענומען,\
איז ער מיט איר צו אַ וועג געקומען.\
האָדל איז אויף אַ לאַסטוואָגן פאַרבייגעפאָרן,\
איז זיין אונטערוועגנס — וועג געוואָרן.

די ערשטע גרויע האָר

עס איז געווען,
ווען פּיניע האָט דערזען
אויף זיין קאָפּ די ערשטע גרויע האָר,
און זיך דערמאָנט, אַז דער פינפטער צענדליק יאָר
שאַרט זיך אין זיין לעבן ביסלעכווייז אַריין.

וואָלט דעמאָלט אין זיין הויז געווען אַ פלעשל וויין,
וואָלט ער אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז,
און געטרונקען צום גראָז,
וואָס איז דעמלט מיט שניי געווען פאַרדעקט,
וואָלט ער געטרונקען צו דער יוגנטלעכקייט,
וואָס אָפּגעמעקט
האָט פון אים די צייט,
צו דעם צוויט
פון זיין ליד,
ווען עס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים, ווי אַ פויגל פון בוים,
צום ערשטן טרוים,
וואָס געדענקט זיך אים קוים,
אָבער פון וועלכן ער ווערט שטענדיק אומגעטריבן,
און וועלכער איז נאָך ביז איצט טיף אין אים פאַרבליבן.
און אפשר וואָלט ער געטרונקען צום גרינס אויף דעם בילד איבערן וואַנט,
וואָס דערציילט פון אייביקן פרילינג אין עפּעס אַ לאַנד,
אַזוי ווייט, אַזוי ווייט
אויף יענער זייט גרענעץ פון צייט,
און דערנאָך וואָלט ער געטרונקען צו די גרינגע טריט,
און נאָך גרינגערן געמיט
פון האָדלען זיין ווייב, וואָס האָט זיך דעמלט געפּאָרעט אין קיך.

— איך
בין
מער נישט דאָס גרין,
וואָס דו האָסט אַזוי ליב, —
וואָלט ער שטיל געזאָגט,
און אפשר דערביי זיך צעקלאָגט:
— פאַרגיב,
וואָס איך בין מער נישט קיין יונגערמאַן.
— עס האָט די באַן,
און אפשר גאָר דער עראָפּלאַן
אַביסל צו גיך מיט מיר אין דעם האַרבסט אַריינגעפאָרן.

אָט אַזוי וואָלט ער געזאָגט,
אָט אַזוי וואָלט ער זיך צעקלאָגט,
און זי וואָלט אויף אַ רגע בלייך געוואָרן,
אָבער באַלד וואָלט זי אים געטרייסט מיטן קאָרן,
מיטן ווייץ, מיט דער רעטשקע און מיט דער פּראָסע,
וואָס קלינגען,
און זינגען
אונטער דעם פּאַך פון דער קאָסע
איבער דעם האַרבסטיקן פעלד.

אַ שנייאיקע וועלט
האָט יענעם פרימאָרגן אַריינגעקוקט דורך זיינע שויבן,
און פיניע האָט אויפגעהויבן
צום שנייאיקן בלענד זיינע אויגן.

אַ פאַווע געפלויגן, געפלויגן,
און אַזוי פיל גילדענע פעדערן פאַרלוירן,
אַ שאָף איז אַזוי פיל מאָל געשוירן
געוואָרן פון דער שער.
און ער? —
פאַרוואָס פילט ער אין זיך אַזאַ ציטער?
עס איז געווען, ווי אַ געוויטער,

װאָלט דורך אַ שליח געלאָזט װיסן,
אַז ער האָט דורך די בערג זיך דורכגעריסן,
און אַז באַלד, אין א שעה,
װעט ער זײן שױן אָט דאָ.

דעמלט האָט ער געזאָגט צו זיך אַזױ צו זאָגן:
— פּיניע, פּיניע,
דער חלום איז אַ געװעב פֿון פּאַװעטיניע,
און חלומות פֿאַרמאָגן
װאַטאָװע פֿליגל, —
זײ טראָגן זיך גרינג,
און צעריגלען אַזױ פֿלינק
פֿון אַלע טירן די ריגל,
נאָר אַז מען דערזעט דורכן שפּיגל
אױפֿן קאָפּ די ערשטע גרױע האָר,
און מען װײסט דערבײ, אַז מען איז שױן איבער פֿערציק יאָר,
װערט װאַטע אַפֿילו דיר שװער,
און דײן טראָט װערט דער טראָט פֿון אַ בער, —
אָט אַזױ האָט פּיניע דער פּאָעט
שטיל צו זיך גערעדט.
— פּיניע,
דײן לעבן ביז אַהער
האָט נישט געפּלאָסן דורך קײן רער,
ביסט נישט געגאַנגען מיט קײן ליניע,
האָסטו דערפֿאַר אַזױ װײניק דערגרײכט.

פּלוצלונג האָט זיך
באַװיזן האָדל פֿון קיך, —
דאָס פּנים פֿאַרבלײכט,
נאָר די אױגן צעשײַנט,
װי שטענדיק בײ איר:
— פּיניע, איך רעד דאָך צו דיר,
עס איז הײַנט
אַזאַ שײנער און שנײאיקער טאָג,

איז זאָג
מיר פּיניע,
ווען דאָס זיין קעגן דער ליניע
פון אונדזער פּאַרטיי,
אַז דערוואַקסענע מענטשן, ווי מיר צוויי,
זאָלן זיך צעקאַטשען אין שניי,
ווי מען טוט דאָס אין די קינדערישע יאָרן?
— און אפשר אויף אַ שליטעלע פאָרן? —
האָט פּיניע זי איבערגעשלאָגן, —
זיך טראָגן
פאַרשייט
אין דער ווייט,
אויף יענער זייט פון דער צייט,
וואו מען איז דאָ,
און נישטאָ,
וואו —

— אָ דו, —
האָט זי אים איבערגעריסן,
און געוואָלט וויסן
פון וואָס פאַר אַ וויטקייט ער איז ערשט אַריבערגעקומען.

דעמאָלט האָט פּיניע זיין האָדל'ען ביים האַנט אָנגענומען,
און געקוקט שווייגנדיק אויף איר.
— פּיניע, וואָס איז היינט מיט דיר?
פאַרוואָס קוקסטו אַזוי איצט אויף מיר?
קוקסט דאָך אויס, ווי
אַ גאַסט פון נישט הי!

אָט אַזוי האָט האָדל צעשראָקן געזאָגט,
און זיך שיר נישט צעקלאָגט
אויפן קול.
מיטאַמאָל
האָט זיך פּיניע דריבנע צעלאַכט,

און דערנאָך שטום און פֿאַרטראַכט
באַוויזן האָדלען דעם האָר, דעם גרויען.

— דאָס גאָר ?
אַבי איך האָב געמיינט, אַז בלויז פרויען
האָבן דערפון צער !
אַ זילבערנער האָר !
עך נאַר,
וואָס דו ביסט !
פֿאַרוואָס זיין אומזיסט
באַטריבט ?
— פרויען זיינען שטענדיק פֿאַרליבט
אין דעם האַרבסט ,דעם רייפן
אויף מענערישע שלייפן.

און דאָ האָט האָדל
געטאָן אַ ליבלעכן נאָדל
איר מאַן, דעם פּאָעט.
זי האָט אים צערטלעך געגלעט,
און געזאָגט :
אַ מענטש טראָגט
אַ וועלט אויפן רוקן,
און זיינע אויגן קוקן
אויף וואָס ?
אַביסל שניי אויפן גראָז
און דער האָריזאָנט איז נישט קלאָר, —
אַן אומגליק אַ צעזילבערטע האָר !

דעמאָלט האָט פּיניע אויפגעהויבן
נאָכאַמאָל זיינע אויגן
צו די שויבן, —
די גילדענע פּאַווע איז אַוועקגעפלויגן,
אָבער צוויי טויבן,

קעגנאיבער, ווי דער שניי, דהאָבן געבלענדט.

האָדלס גוטע הענט
האָבן פיניעס קאָפּ געגלעט.
— ער פּאָעט,
מיין פּאָעט, —
האָט זי געמורמלט צו זיך,
און פיניע האָט צוריק דערפילט זיינע פיס אין די שיך,
דאָס ליכט אין זיין בליק,
דאָס וואונדערלעכע גליק
פון אייגן לייב
אונטער אייגענעם העמד,
פון האָבן אַזאַ ווייב,
ווי זיין האָדל איז,
און ער האָט זיך פאַר זיין אומעט פאַרשעמט.
פיניע האָט געטאָן זיינע ליפּן אַ ביס,
און ווען ער האָט זיינע האָר זיך פאַרקעמט,
האָט ער זיך דערפילט יינגלדיק און פריש.

אין עס־צימער אויפן טיש
האָט דער ריח פון קאַווע געשמאַק זיך געשפּרייט,
און פיניע האָט מיט אַ יינגלישער פרייד
זיך צעזונגען מיטאַמאָל.

שפּעטער האָט ער געטאָן זיין האָדלען איבערן נאָז אַ שנאָל,
און אויסגערופן הויך אויפן קול:
— דער דעקרעט
פון דיין מאַן, דעם פּאָעט,
און אונדזער מענטשלעכער פּאַרטיי,
זאָגט בפירוש, אַז מיר ביידע זאָלן זיך דהיינט קאַטשען אין שניי.

— סאַלוט, —
האָט האָדל, ווי אַ קינד זיך דערפרייט.
— די קאַווע איז גוט, —
האָט פיניע געזאָגט שטילערהייט,
און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.
— מיין פאָעט, —
האָט האָדל געמורמלט צו זיך,
ווען זי האָט געטראָגן דאָס געפעס אין דער קיך.

דער שניי האָט געקוקט דורך די שויבן, —
אויפן דאַך קעגנאיבער האָבן נאָך אַלץ זיך אומגעשפּילט די טויבן.

די גילדענע ליניע

אַ פערד, אַ פאַרמאַטערטס, אין וועג
ווערט געקערעוועט דורך לייצעס,
און פיניען קערעוועט דאָס געפעק,
וואָס ער טראָגט אויף די פלייצעס.

ער טראָגט דאָרטן דורות באַהאַלטן,
ער טראָגט דאָרט זיין שטאַם,
אויך דעם היינטיקן דור, דעם צעשטראַלטן,
וואָס ברויזט ווי אַ ים.

ער טראָגט אין געפעק זיך אַליין,
זיין בלוט, דאָס צעזאָטנס, —
ער ווערט נישט מיד פון צו גיין
אויף לאַנד, נישט באַטראָטנס.

ער איז לאַנג שוין נישט מער אונטערוועגנס,
זיין היים איז געוואָרן דער וועג, —
ער טראָגט אומעטום זיין פאַרמעגנס
אין זיין שווערן געפעק.

זיין פאַרמעגנס, — די גילדענע ליניע
פאַר מענטשן אין וועג, —
עס טראָגט זי מיט ליבשאַפט איצט פיניע
אין זיין שווערן געפעק.

ער טראָגט זי, ווי מענטש און ווי ייִד
מיט דערפאַרונג פון דורות, —
ער איז, ווי זיין זיידע געניט
צו צינדן ליכט אין מנורות.

ער טראָגט דאָרטן טריסק און ניו־יאָרק,
און אַנדערע שטעטלעך און שטעט, —
זייער פרייד, און אויך זייער זאָרג
זיינען אָפטמאָל אין אים דאָך צערעדט.

ער טראָגט דעם גערעאַנגל פון קלאַסן און ראַסן, —
דעם עול פון זיין אייגענער ראַסע און קלאַס,
און נישט איינמאָל צעהילכט זיך אויף גאַסן
זיין ברויזיקער צאָרן און האַס.

און טרעפט זיך אַמאָל אין זיין וואַנדער,
ער בלייבט אַ מידער וואו שטיין אויף אַן אָרט,
פּאַקט ער אַ פּעקל פּאַנאַנדער,
און שעפּט דערפרישונג פון דאָרט.

ער האָט דאָרט סיי שטילקייט, סיי צאָרן,
ער האָט דאָרט אי פּיין און אי פרייד, —
זיין קאָפּ איז שוין גרויל־עך געוואָרן,
אָבער ער גייט און ער גייט.

דער וועג איז אַ שווערער, אַ לאַנגער,
ער איז אָפטמאָל פּאַרדרייט,
און אַלצדינג אַרום איז שוואַנגער,
און אַלצדינג צו געבערן זיך גרייט.

און יעדעס געבורט קומט דורך ווייען,
אַזוי פיל צער ביז עפּעס צעבליט,
נאָר די זייער גייען און זייען,
און וואַרטן געדולדיק אויף שניט.